NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02936

MAYNE ZIKHROYNES

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

מיינע זכרונות

באארבעט פאר יוגנט

ביבליאטעק „ב״
פאר אונזערע
קינדער
פאריז — 1952

דאָס בוך וואָס מיר גיבן אַרויס — אַ חוץ דעם „פאָרווערטס", „וויכטיקע דאַטעס אין פרצעס לעבן", „העברעאישע ווערטער" אין דעם לעצטן קאַפּיטל אויף די זייטן 71 – 72 — איז איבערגעדרוקט פון אַן אויסגאַבע, וואָס איז געפונען געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ נאָך דער באַפרייאונג.

„מיינע זכרונות" — באַאַרבעט פאַר יוגנט — איז אין יאָר 1929 אַרויסגעגעבן געוואָרן ספּעציעל פאַר די יידישע שולן אין פוילן דורכן פאַרלאַג ב. קלעצקין.

ביבליאָטעק
„פאַר אונזערע קינדער"

I. L. PERETZ

« **Meine Zichroynes** »

(Mes Souvenirs)

Bibliothèque
« Pour nos Enfants »

געזעצט און געדרוקט
אין דער דרוקעריי „אַבעצע" — פּאַריז, לואי בלאַן־גאַס, נר' 11

Imp. Abécé, r. Louis-Blanc, Paris

י. ל. פרץ   מיינע זכרונות

הונדערט יאָר פּרץ

אין דער יידישער וועלט איז פאַרן לעצטן יאָר אָפּגעצייכנט געוואָרן אַ וויכטיקער דאַטע — הונדערט יאָר י. ל. פּרץ.

עס איז געפייערט געוואָרן דער געבוירן־טאָג פון אַ גרויסער גייסטיקער פּערזענלעכקייט ביי יידן.

אומעטום ווו יידן זיינען דאָ, לעבן און פילן יידיש — איז די דאַטע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יום־טוב, וואָס האָט געברענגט פרייד און טיפן גלויבן אין דער יידיש־נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און זיין המשכדיקער אַנט־וויקלונג.

עס וועט אונז נישט מעגלעך זיין דאָ איבערצוגעבן גענוי די ראָל פון י. ל. פּרץ אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, זיין גרויסע השפּעה אויף דער גייסטיקער געשטאַלטיקונג פון יידישן מענטש אין אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט ווען מיר האָבן איבערגעלעבט אַ רענע־סאַנס־תקופה אין יידישן לעבן. מיר ווילן אָבער כאָטש אָנצייכענען עטלעכע שטריכן, וואָס זאָלן מער־ווייניק קלאָר מאַכן פאַר די יונגע יידישע לייענער, וואָס מיר האָבן היינט אַזוי ווייניק: „ו ו ע ר א י ז פּ ר ץ ?“

די פראַגע ווערט געשטעלט וועגן איינעם פון די גרעסטע פּערזענ־לעכקייטן, וואָס דאָס פאַרגאַנגענע יאָרהונדערט האָט אַרויסגעגעבן.

צי זיינען דען אויך ביז פּרצן נישט געווען קיין גרויסע פּערזענלעכקייטן ביים יידישן פאָלק, גרויסע גייסטיקע פירער, וואָס דורות לאַנג ווערן זייערע נעמען דערמאָנט מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ? — יאָ, עס זיינען געווען אַזעלכע אין משך פון אונזער געשיכטע. פּרץ איז זיי אפשר גאָרנישט אַריבערגעוואַקסן אויך — כאָטש צו זייער מדרגה איז ער צוגעקומען.

מיט פּרצן איז אָבער געשען דער גרויסער וואונדער, וואָס געשעט זעלטן אפילו מיט גרויסע פּערזענלעכקייטן. ער האָט געפונען דעם קאָנטאַקט מיט זיין דור, וואָס ער האָט פאַרבונדן מיט דער אייביקייט. דערמיט איז ער געוואָרן פאַר אונז גרויס. און נאָך גרעסער — ווייל ער האָט געהאַט דעם כוח אַריינצוואַקסן אין די גרויסע פאָרגייער זיינע און אויפלעבן פאַר אונז נאָך אַמאָל דורך זיך — אויך זייער גייסט.

אַז מיר זאָגן היינט פּרץ. — גיבן מיר שטענדיק צו: „די גאָלדענע

קייט". און פֿאַרקערט: אַז מיר זאָגן „די גאָלדענע קייט", גיבן מיר שטענ־דיק צו: י. ל. פּרץ.

דאָס מיינט, אַז די „רינגעלעך", וואָס מיר באַצייכענען דערמיט די דורות יידן אין זייער אַנטוויקלונג, בילדן דעם קיום פֿון יידישן פֿאָלק — „די גאָלדענע קייט". און י. ל. פּרץ האָט געהאַט דעם כּוח די גייסטיקע ווערטן פֿון פֿאָלק צונויפֿצוזאַמלען און געשטאַלטיקן אין די ווערק זיינע, וואָס ריידן צו אונז דורך זיינע העלדן פֿון דער „גאָלדענער קייט".

אַ וווּנדערלעכער פֿאַרערונג טראָגן מיר אין זיך פֿאַר דעם גייסטיקן ריז י. ל. פּרץ. און דאָס, ווייל ער האָט אונז אויפֿגעהויבן העכער — און אַמאָל אויך — „אויב נישט נאָך העכער!"

פּרץ האָט געזוכט אין יידישן לעבן — דער עיקר — שיינקייט. ער האָט געוואָלט דאָס יידישע לעבן אויפֿהויבן צו זיין מדרגה, צו זיין באַ־שטימונג.

מיט וואָס צייכענען זיך אויס זיינע העלדן?

זיינע העלדן טראָגן אין זיך די שליחותן פֿון גוטס, פֿון דערהויבנקייט, פֿון גרויסער מסירת־נפֿש, אַלס מענטשן און דער עיקר אַלס יידן.

פּרץ איז געקומען צו אונז, ווען אין יידישן לעבן האָט מען נאָך נישט געוווּסט וואָס עס הייסט אַזוינס מאָדערנע קולטור. מיט זיין שטאַרק טעמפּעראַמענטפֿול וואָרט האָט ער די פֿאַרחושכטע יידן, וואָס האָבן גע־לעבט אַ שווער לעבן פֿון אונטערדריקונג — געררייצט צו אַ שענער לעבן, וואָס ער האָט פֿאַר זיי אויסגעטרוימט.

און ער איז געוואָרן אַ פֿירער, אַ באַגייסטערער, אַ מאָנער און אַ שטראָפֿער.

און עס האָבן זיך אַרום פּרצן געזאַמלט גרויסע מאַסן יידן, וועלכע זיינען באַגייסטערטע געגאַנגען נאָך אים, האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע שטראָף־רייד און צו זיין מאָנען.

ווייל די יידן פֿון זיין דור האָבן אים אויפֿגענומען ווי זייערן אַ רבין, אַ גרויסן גייסטיקן פֿירער.

ווייל די יידן פֿון זיין דור האָבן דערפֿילט, אַז מיט פּרצן איז אויפֿגע־גאַנגען אַ גרויס ליכט, וואָס האָט ליכטיקער געמאַכט די יידישע גאַס, וואָס האָט אַריינגעברענגט יום־טוב אין דער יידישער שטוב.

מיר פֿייערן הונדערט יאָר פֿון אַן גרויסער פּערזענלעכקייט.

דאָס פּרץ־ליכט, וואָס איז פֿאַרטונקלט געוואָרן צוליבן גרויסן יידישן חורבן, נעמט ווידער שיינען און באַשיינען די יידישע גאַס. און אַ דאַנק דעם פּרץ־ליכט וועט אויך צוריק ליכטיק ווערן די יידישע שטוב.

מ. וואַלדמאַן.

פּאַריז, 1952

מיינע זכרונות

... ערגעץ טיף אין מיר ליגן ז כ ר ו נ ו ת. איך וויל זיי פון דער טונקעלער טיפעניש אַרויסציען אויף דער ליכטיקער שיין, — ליגן זיי אָבער נישט, איינס נאָכן צווייטן, ווי אַ שנור באַגראָבענע, געפרוירענע ראָבן, מויל צו עק... זיי פליען דאָרט ערגעץ פריי אַרום, ווי אייזן־שטויב, טראָגן זיך לויז. און די מאַגנעטן, וואָס ציען זיי אַרויף און גרופּירן אַרום זיך, זיינען נישט קיין דאַטן, נאָר פאַקטן, הויפּטפאַקטן, גענעראַלע, אָדער אידעען און שטימונגען... איך געדענק קיין איינציקן דאַטום. וועט ווער נאָכקומען און צושרייבן, ווו מען דאַרף דעם „יום" — זייער גוט.

איך קען עס נישט.

קינדער־יאָרן און מלמדים

געווען בין איך, ווי מען האָט געזאָגט: אַן עילוי. אַ פֿלינקן, לאָגישן קאָפּ געהאַט און — פֿיל געמיט.

אין „מאָניש“, צווישן אונז גערעדט, האָב איך געוואָלט זיך אַליין קאָפּירן. האָב איך מיך אָבער פֿאַרשענערט: איך בין געווען מאָגער, שוואַרץ, נאָר ברענענדיקע אויגן געהאַט (פֿונקען זענען נאָך געבליבן) און גרויסע.

פֿון חורבה אַרויסגעזונגען האָט מיר נישט אײַן „מאַריע“.

און געדענקען געדענק איך מיך נאָך גאָר אַ קינד: 1) צווישן ייִנגלעך און מיידלעך אויף אַ הויף, 2) אויף אַ פּאָדלאָגע אין חדר. דער מלמד האָט געהייסן חיים־קעלבל. אַ ייִדל, זע איך איצט פֿאַר מיר, אַ קליינס, אַ קליין בערדל, קליינע אייגעלעך און אַ קליין ספּאָדיקל, און 3) ביים בעלפֿער אונטערן אָרעם. אַ זאַווערוכע — און ער טראָגט מיך אין חדר אַריין...

צו דריי יאָר — אָנגעהויבן (גלייך מיט אַלע חברים) חומש. געלערנט „ויקרא“, זאָגן פֿלעג איך: „ויטרא“, נישט געקענט אַרויסברענגען קיין „ק“; קיין „ג“ אויך נישט. יאָרנלאַנג פֿלעגט מען מיך רופֿן: דד דדוד ידודנו (גד גדוד יגודנו)...

שבת נאָך דער סעודה האָט געזאָלט זיין ביים זיידן אין שטוב די שמחה. בשעת סעודה נעמט מיך דער זיידע (אַ קליין ייִדל, מיט אַ ציטעריק קעפּל, ווי איך בין געוואָרן, פֿאַר עלטער), זעצט מיך אַרויף אויפֿן טיש, אינדערמיט. די מאַמע דערשרעקט זיך און כאַפּט געשווינד אַוועק פֿון אונטער מיר אַ גאָפּל. אַרום טיש זיצט די גאַנצע משפּחה: אַ זון, צוויי טעכטער, צוויי איידעמס און אַן אַל־

מנה, מיינע אַן עלטער־מומע (פון וועלכער איך האָב געמאַכט די „סקולער רביצין", גאָר נישט איבערטרייבנדיק), אַחוץ זיידן מיט דער באָבע. צו וואָס מען האָט מיך אַרויפגעזעצט, ווייס איך נישט. מיר געפעלט עס. אַ וואַזע שטייט אויפן טיש, פּרווו איך, צי וועל איך זי אַרומנעמען מיט די הענט. נעמט אָבער די באָבע די וואַזע צו און פרעגט מיך, צי איך וועל קענען שפּעטער די דרשה:

— טענען! (קענען) — ענטפער איך און וויל שוין אַראָפּ פון טיש, לאַנג אויף איין אָרט זיצן קען איך נישט. פאַרהאַלט מיך אַ פעטער, שוין דעמאָלט אַ שטיק משכיל, אין אַ שוואַרצן קאַפּע־ליוש, — דערזעלבער, וואָס וועט שפּעטער זיין דער מבין אויף מיינע ייִנגלשע שירים און וועט זיי זאַמלען און באַהאַלטן, — פרעגט:

— און אויסלייגן „ויטרא" (ער מאַכט מיר נאָך), קענסטו?
ווייס איך נישט, וואָס אויסלייגן איז, פרעג איך:

— ס'טייטש?

— ווי אַזוי שרייבט מען ויקרא?
מיין איך, ער מאַכט חוזק.

— „ויטרא" — ענטפער איך פאַרדראָסיק — שרייבט מען נישט. „ויטרא" איז אַ פּסוק און אַ פּרשה אין דער הייליקער תורה.

מען האָט מיר קוים אויסגעטייטשט, וואָס מען מיינט, און איך דערזע פּלוצלינג פאַר די אויגן שווערבן אין דער לופטן די פּרשה, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און רוף אָן איין אות נאָכן צווייטן, אויסערן שם הויה.

דער מאַמען ווערן די אויגן פייכט (נישט צו גלויבן, ווי איך האָב אַלץ געזען), עפּעס האָבן ביי איר אָנגעהויבן צו פינטלען די אויגן, און הויבט זיך אויף און גייט אין ווינקל אַריין צום אויוון. די באָבע קוקט איר נאָך און שמייכלט:

שעמט זיך נאָך אַלץ!

מיך נעמט דער זיידע פון טיש אַראָפּ צו זיך אויפן שויס, און גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל. איך זיץ אָבער נישט לאַנג, — ביי ניקע פּיס געהאַט, איז מיר נישט באַקוועם — און גיי איבער צום טאַטן, וואָס קושט מיך. —

מער פון זיידן ווייס איך נישט, געדענק איך נישט. געהייסן ווייס איך, האָט ער שלמה. געווען אַמאָל אַ דאַנציקער סוחר. פאַר־ציילט האָט מען, אַז איינמאָל איז ער אַהיימגעקומען, ווי מען זאָגט, מיטן בייטשל... געווען איז עס פּרייטיק. געגאַנגען אין באָד אַריין,

דערנאָך צו קבלת-שבת. „אָפּגעפּראַוועט" דעם שבת, ווי אַלע מאָל. קיין סימן פון עינוי. און ערשט מוצאי-שבת, נאָך הבדלה, צוזאַמענגע־רופן אַלע בעלי-חובות זיינע און געזאָגט: „רבותי, איך בין געקומען אָן אַ גראָשן, נעמט אייך צו אַלץ, וואָס איז שטוב!".

— חנהלע, דערלאַנג! — האָט ער זיך געווענדעט צו דער באָ־בען.

און די באָבע חנהלע האָט אויסגעטון דאָס צירונג און געלייגט אויפן טיש, געעפנט די שאַנק מיט זילבער און גאָלד, אַריינגעברענגט די חפצים פון אַנדער שטיבל... קיינער אָבער האָט נישט גערירט.

די באָבע האָט איר קראָם געהאַט, האָט מען פון קראָם געלעבט, איינציקווייז די חובות באַצאָלט, מיט פּראָצענט. און קינדער אויס־געגעבן.

ווי ווייט די מעשה איז אמת, בין איך אייך נישט ערב. אַז די באָבע איז פּעאיק געווען דערצו, דאָס ווייס איך. דעם זיידן געדענק איך נישט מער, ווי דעמאָלט ביים טיש, ווען איך האָב אויסגע־לייגט. איך זע זיינע אויגן, קליינע, נאָר האַרציק-ליכטיקע...

ווען און ווי אַזוי דער זיידע איז געשטאָרבן, ווייס איך אויך נישט. מען האָט מיך געמוזט האַלטן בשעת מעשה פון דערווייטנס, אַזוינס פאַרגעסט מען נישט. געהערט האָב איך, אַז ער איז קראַנק געווען, האָט אים דער דאָקטאָר געהייסן מאַכן אַ הייסע וואַנע, און אין דער וואַנע איז ער געשטאָרבן...

צו זעקס יאָר האָב איך אָנגעהויבן גמרא. דעמאָלט — אַלע אַזוי.

דעם גמרא-מלמד געדענק איך בעסער.

אויך אַ קליין, מאָגער יידל. שלאָגן אָבער קען ער נישט. אַז ער קומט אין כעס אַריין, הויבן אים אָן די הענט צו ציטערן.

— הענע! — רופט ער דעמאָלט צו די רביצין — כאַפּ די קאַטשערע און שפּאַלט דעם עם-הארץ דעם קאָפּ!

הענע רירט זיך נישט. זיצט ביים אויוון, פּליקט פעדערן אָדער שטריקט אַ זאָק. גייט עס וועגן מיר, ענטפערט זי:

— הערסט, ריר לייבישלען נישט אָן... איך וועל פאַרציילן רי־װועלען...

ריוועלע איז מיין מאַמע. און די רביצין איז געווען אַן איינקוי־פערין פון ציבעלעס, גרינס... און פלעגט טראָגן צו אונז אויך, אַ דריסת-הרגל געהאַט. און ליב געהאַט די מאַמען און מיך, אפשר, דער מאַמען צוליב.

— אַ יידענע, פּלעגט זי זאָגן, אַ צדיקות... קאַרג אויף זיך און אויפן הויז־געזונט — און גיט צדקה, אָבער צדקה! און ער, דער גזלן, וויל שלאָגן איר לייבישלען!

— נו, נו, ברומט דער רבי, זאָג איר, וואָס פאַר אַ תכשיט זי האָט...

זי פלעגט זאָגן... נאָר קאַפּויער.

דער טאַטע מיינער (ער לעבט שוין נישט) האָט אויך נישט געהייסן שלאָגן, איז דעמאָלט נאָך אַ קעסט־קינד געווען, אינדערהיים געזעסן.

אַז עס איז אַרוים אַ קלאַנג, אַז מען וועט נעמען צו מיליטער, און מען האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, האָט ער געראָטן: נישט שרעקן זיך און נישט גיין. קיינער זאָל נישט גיין...

— מען וועט שמייסן!

— אַ וועלט שמייסט מען נישט

— שמידן אין קייטן!

— נישטאָ אַזוי פיל קייטן!

— איינזעצן אין תפיסה!

— אַכיבאַ מאַכן די וועלט פאַר אַ תפיסה!

ער אַליין האָט מיך אין לעבן צוויי מאָל געפּאַטשט.

פון געבוירנהייט אָן האָב איך פיינט געהאַט זיסע זאַכן. אין מויל אַריין נישט גענומען. „איך וויל, מען זאָל מיך האַלטן פאַר קלוג“, האָט מען זיך גערייצט מיט מיר. די באָבע פלעגט באַקן מכל המינים גוטע זאַכן: וויסע לעקעך, האָניק־לעקעך, טאָרטן, שטעפּנס, פרעגלען איינגעמאַכטס... פאַר זיך פאַר די קינדער... פאַר קראַנקע אין הקדש, — אַלע אייניקלעך פאַרדאַרבן זיך פון צייט צו צייט די מעגעלעך. מען באַקומט און מען גנבעט אַביסל צו; איך איינער — אָן אויסנאַם. איך עס נישט ביז היינט.

מאַכט זיך מיין ייִנגערן ברודערס ברית.

קומען אָרעמע לייט אויף לעקעך און בראָנפן, פאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטל־שטוב. רעכטס — די מאַמע די קינפּעטאָרין, אין דער שטוב לינקס — די באַלעבאַטישע געסט. איז געווען ביי אונז אַ סאַרוועך, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ „כלב שבכלבים“, אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. געווען איז ער, איך זע אים פאַר מיינע אויגן אָן אויסטערלישער הויכער, אַ דאַרער און אַ וויסער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. געווען איז ער אַן אַלמן און אָן קינדער. עטלעכע ווייבער געהאַט און קיין איינציק קינד. אַז די לעצטע איז גע־

שטאַרבן, האָט ער זיך שוין מייאש געווען פון לעבן און געמאַכט זיך תכריכים. ביינאַכט, האָט מען פאַרציילט, שפּאַצירט ער אַרום אין די תכריכים אין הויף... שרעקט איבער לייט. אָרעמע לייט האָט ער פיינט געהאַט שנאת־מות. טראָגט דער רשע פון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך איבערן קאָפּ, אַ טאָץ מיט לעקעך צו די באַלע־באַטים אַריין, איבער דער מיטל־שטוב. און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פאַרברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיק לעקעך און דערלאַנג דעם בלאַסן מיידל... דער טאַטע, — איך האָב נישט גע־ווּסט דערפון, — איז געשטאַנען אין טיר פון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אינדערהויך האָט ער געזען, וואָס איך האָב מיטן לעקעך אינדערנידער געטון — נישט. גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק. צומאָרגנס, מיר זיצן אַלע ביים טיש, פאַרקלאָגט ער מיך פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט עסט מכלומרשט נישט קיין זיסע זאַכן און כאַפּט לעקעך פון טאַץ!

קומט אַריין די דינסט מיט דער יויך, — געהערט האָט זי, אַפּנים, הינטער דער טיר, — און פאַרציילט, וואָס איך האָב מיטן לעקעך געטון, זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן. זי האָט שטענדיק געהאַט איר געמיט פאַר פרעמדע און אַפילו פאַר היימישע אויגן. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן. די אויגן ווערן אים פייכטלעך, און ער הויבט זיך אויף און גייט אָפּ אין צווייטן צימער אַריין. פיל איך מיך שולדיק, וואָס איך האָב באַלד נישט פאַרציילט, וויל נאָכגיין און איבערבעטן, — און קאָן נישט. ביזן היינטיקן טאָג קאָן איך מיך אַליין נישט פאַרטיידיקן און קיינעם נישט איבער־בעטן...

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געלייזט, ווען איך בין שוין אַ „יינגל“, נישט קיין „קינד“, געווען — אַ „בחור“ (אַ יאָר 14 אוו־דאי!). אָבער שוין דעמאָלט אַ „חוקר“ געווען, און בין אַרומגעגאַנ־גען אין עולמות העליונים, פאַרמרהשחורהט, מיט וועלט־טראַגישע חלומות און געדאַנקען! וואָס פאַר אַ תכלית האָט דער מענטש? די וועלט? אַ געמיט האָב איך געהאַט אַ שוואַרצס.

איינמאָל פרייטאָג בין איך פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג, איך געדענק שוין נישט, ווו איך בין געווען. געקומען אין בית־המדרש אַריין צו קבלת שבת בין איך גלייך פון שפּאַציר, אין

דער וואָכעדיקער קאַפּאָטע, מיט ליים פון הינטער דער שטאָט. דעם טאַטנס פּנים האָט אויפגעפלאַמט. ער האָט זיך דאָך איינגע־האַלטן פאַרן עולם. נאָר ביים קידוש קען ער קיין אויג נישט אָפּ־רייסן פון מיין פאַרחושכטן פּנים און גיט פּלוצלונג אַ שטעך אָוועק דעם כוס און דערלאַנגט מיר אין באַק מיט דער באַפּרייטער האַנט.

— שיינע שבתים מאַכט ער מיר! — און גייט אַרויס אויף אַ ווײַלע. די מאַמע ברומט:

— גלייך אַ קינד האָט נישט זיינע ווייטיקן...

אַז מיין ווייטיק איז געווען גאָרנישט קינדיש, איז איר נישט איינגעפאַלן...

איינגאַנצן צוויי מאָל געשלאָגן.

אַ פרעמדן אַרויפלייגן אויף מיר אַ האַנט וואָלט ער געווים נישט געלאָזט, פון דעם ווייסט ר״ בערישל און די רביצין, וואָס זיצט שטענדיק ביים אויוון, טוט עפּעס, פאַרקוקט אין די תלמידים און פאַרהערט אינם לערנען.

איבער דער רביצין, אויפן גזימס פון אויוון, ליגט שטענדיק אויסגעצויגן די קאַץ, אַ גרויסע, אַ פוילע...

טרעפט זיך אָבער, אַז די רביצין דרימלט איין ביים שטריקן אַ זאָק, אפשר איינגעוויגט פון גמרא־ניגון, און פאַרלירט די קנויל גיט שוין די קאַץ, וואָס האָט דערויף געלאָקערט, אַ שפרונג אַראָפּ פון גזימס צו דער קנויל און הויבט זיך אָן מיט דער קנויל צו שפּילן, ווי מיט אַ מויז, און פאַריאָגט זי ביז אונטערן בעט...

מיר פּלאַצן אוים מיט אַ געלעכטער... די רביצין כאַפּט זיך אויף, דער רבי ווערט בייז...

פאַר אַזאַ געלעכטער (איך פלעג לאַכן צום שטאַרקסטן) האָט ער מיך שוין איינמאָל געוואָלט ערנסט שלאָגן. איז אָבער פונקט אַריינגעקומען דער טאַטע... די סצענע ביים זיך מיטאַמאָל.

— אַ, ר׳ יודל! וואָס מאַכט איר, ר׳ יודל? זעצט אייך, ר׳ יודל..

די רביצין פרעגט: וואָס ריוועלע מאַכט. און דער טאַטע ווענדט זיך גלייך צו מיר און פרעגט:

— וואָס שוויצסטו אַזוי, לייבעלע?

— וואָס הייסט? — פאַרכאַפּט דער רבי, אוים מורא, איך זאָל נישט פאַרציילן: — ווי הייסט, די תורה הקדושה, ברוך השם, וואַ־רעמט... און אַ זומער טאָג...

באַקומט דער טאַטע אָן איינפאַל און זאָגט צום רבי:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ בערישל? לאָזט יעדן טאָג אַרויס די קינדער פאַר דער טיר אויף אַ שעה!

גלייך אַ דונער וואָלט אין בערישלען אַריינגעשלאָגן...

גלאָצט ער אויס אַ פּאָר אויגן און הויבט אָן שטאַמלען:

— וואָס רעדט איר? ווי הייסט? זיי זאָלן זיך שפּילן אין ליים? מען האָט געזאָלט אַרויפציען אַ נייעם שטאָק, האָט מען אָפּגעלייגט ליים פאַרן הויז.

— פאַרוואָס נישט? — ענטפערט דער טאַטע צוריק.

גיט זיך ר׳ בערישל האַלב אונטער:

— מילא, בנוגע צו אייער לייבישלען... אַז איר ווילט...

— איך אויך! איך אויך! — רופט זיך אָן מיין גליד-שוועסטערקינד, יחזקאל...

— פאַר ר׳מרדכין בין איך אייך ערב! — רופט זיך אָן דער טאַטע. יחזקאלס פאָטער האָט געהייסן מרדכי.

מיר צוויי באַקומען רשות און גייען טאָג-טעגלעך אַרויס אויף אַ שעה פאַר דער טיר, צום באַרג, צום ליים, זיך געשפּילט, געגראָבן



י. ל. פּרץ — פּאָרטרעט פון ש. קראַטקאָ.

(ערגעץ אַ לאַפּאַטע באַקומען), טאָלן, גריבער געמאַכט, אַ פעסטונג געבויט.

און די אַרבעט איז אונז שפּעטער צו־נוץ געקומען אַ מצוה צו טון. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען איינגעליינגט די זאַמאָש־ צער פעסטונג. די מויערן האָט מען צעשאָסן און געדונגען אַרבע־ טער אַראָפּצושיטן די וואַלן אין די פּאָסן אַריין. געצאָלט האָט מען פון קלאַפּטער. האָבן זיך אויך עטלעכע יידן צו דער אַרבעט גע שטעלט. אַלטע, צעבראָכענע יידן, וואָס האָבן שוין צו עפּעס אַנ־ דערש נישט געטויגט. נאָענט צום חדר איז עס געווען, פלעגן מיר אויף דער שעה לויפן אויפן וואַל אַרויף און אַרבעטן פאַר די אַלטע לייט.

וואָס איך האָב געלערנט ביי דעם ר׳ בערישלען, געדענק איך נישט...

נאָך צוויי זמנים בין איך מיט מיין גליד־שוועסטערקינד יחז־ קאל איבערגעגאַנגען צו מיכל מלמד. ער האָט אויך נישט געשלאָגן.

אַ מאָדנער ייד געווען דער „געלער מיכל" — אַ בלאָנדע באָרד געהאַט. אַ מלמד געווען און דערביי — שמש אין בית־המדרש. געווען איז ער אַ גרויסער בעל־חשבון. לערנען, אויסער מיט אונז אין חדר, האָט אים קיינער נישט געזען.

אין בית־המדרש פלעגט ער קיינמאָל נישט רעדן. און גע־ פרעגט, נישט ענטפערן וועגן לערנען. אויסער אַז עס איז געגאַנ־ גען וועגן אַ גמרא מיט חשבון אָדער אַ משנה מיט מדידה. אָן אַנ־ דערער מענטש געוואָרן. גערעדט, און מיט ליבשאַפט צום ענין. אַזוי לערנען איז ביי אים קיין עסק נישט געווען. אויף אַ „גראָב" יינגל פלעגט ער קוקן מיט גרויס רחמנות: „פאַרשטאָפּט־נעבעך". אויף „אַ ווויל יינגל" — גלייכגילטיק. „וועסט זיין אַ למדן" — און אין טאָן איז געלעגן: „הכלל וואָס?" אַמאָל האָט ער נאָך געזאָגט, נישט אָן באַהאַלטענעם בזיון: „וועסט זיין אַ רב!" — דאַווענען האָט אים אויך קיינער קיינמאָל נישט געזען. „אַ באַהאַלטענער קאָצקער", — האָט מען געזאָגט; קאָצקער חסידים פלעגן נישט האַלטן פון דאַווענען. געמוזט האָט עס זיין בסוד, — אַ מתנגדישע שטאָט, אַ מתנגדישער בית־המדרש.

באַהאַלט, זאָגט אויס, ר׳ מיכל זיין קאָצקער חסידות, דרייט זיך בשעתן דאַווענען אַרום צווישן עולם אין טלית ותפילין, נאָר ער זאָל עס אַ ריר טון מיט די ליפּן. די תלמידים רירט ער נישט אָן, מיך אַוודאי נישט. ביי דער רביצין בין איך אַ חשוב, איר שוועס־

טער דינט ביי אונז! איך געדענק זיי ביידע און װוּנדער מיך נאָך, ווי ענלעך די שוועסטער זענען זיך געוועזן. איך, אַ צעוואָרפּענער, פלעג זיך גאַנץ אָפּט טועה זיין, זאָגן אין חדר דער רביצין: „חנה, דערלאַנג מיר אַ ביסל וואַסער". און אינדערהיים דער דינסט: „זייט־זשע מוחל, רביצין"... און שיינהייטן, יידישע, צנועהדיקע, זענען ביידע געווען: לענגלעך־בלאַסע, דין־הויטיק־דוכזיכטיקע פּנימלעך, לאַנגע ברעמען איבערגעצויגענע, סאַמעטענע בליקן פון שמאָל־לענגלעכע מאַנדל־אויגן... און שוין. זיי פאַרשווינדן מיר ביידע פון זכרון. ווו זיי זענען אַהינגעקומען, ווייס איך נישט. איך ווייס שוין אויך נישט, וואָס איך האָב ביי דעם מיכלען געלערנט. געווים נישט מער, ווי אַ ביסל נאַכטראַכטנדיק שווייגן, געווים זיך אָנגענומען מיט אַ ביסל שטילן, גוטהאַרציקן אומעט, וועלכע איך דערקען אין מאַנכע פון מיינע זאַכן. אפשר האָט ער מיר מיט די שטילע אויגן איבערגעגעבן אַ ביסל חסידות?

איך און מיין גליד־שוועסטערקינד שטייגן ווייטער און קומען אָן צו ר' יודלען — צו אַ העכערן גמרא־מלמד. ביי אים זאָגט מען שוין אַ „לייענען" אויך.

צוויי זאַכן האָט ער ליב געהאַט, דער ר' יודל:

שמייסן איבער די פינגער מיט ריטלעך און — פּיראָגעס, וואָס די רביצין פלעגט אים מאַכן אין אַ יומא דפגרא — און אַוועקגיין... זי קען נישט ליידן, ווי ער פרעסט, ווי דאָס שמאַלץ רינט איבערן פּיסק"...

די רביצין מישט זיך נישט צום לערנען און איז אויך נישט קיין איינגעהערין ביי מיין מאַמען, זי זאָל סטראַשען, זי וועט פאַרציילן דער טאַטע איז שוין סוחר, זעלטן אינדערהיים. און ר' יודל לאָזט זיך וויל גיין, און איך גיי אַרום מיט געשוואָלענע פינגער גלייך מיט אַלע, און פיר מיט אים מלחמות גלייך מיט אַלע. דעם צווייטן זמן איז אויך די מלחמה שאַרפער געוואָרן. און באַקומען האָט מען גאַנץ אָפּט בחינם. ר' יודל איז אַ בלינדלעכער געווען, קיינמאָל נישט געזען און געוווסט, ווער איז שולדיק, — האָט ער, פאַר וואָס עס איז, אַלע איבער די פינגער געשמיסן. די ריטלעך האָט ער מיט גרוים פאַרזיכטיקער ליבשאַפט אויסגעקליבן פון נייעם בעזים, וואָס די רביצין פלעגט ברענגען פון צייט צו צייט. דאַכט זיך מיר, זי האָט גאָר געהאַנדלט מיט בעזימער, שטענדיק געווען, נאָר אויך זיכער געדענק איך נישט. אויסקלייבן פלעגט ער די ווייכסטע, די דינסטע און געשמיסן האָט ער פאַמעלעך, נאָר לאַנג.

מיר האָבן אים אויך נישט געקאַרגט.

געהאַט האָט ער אַ לאַנגע ווייסע באָרד, האָבן מיר זיך איינמאָל גענומען זי צוצוקלעפּן צום טיש. אָוונט געווען, נאָך די פּיראַגעס. איז ער איינגעדרימלט געוואָרן. חתימה און טריוואַקס גרייט, דאָס ליכט אויפן טיש ברענט. מען רירט זיך צו. האָט ביי עמעצן, זעט אוים, פאַר שרעק אַ ציטער געטאָן די האַנט, אַ צופּ געטאָן אַ האָר פון באָרד. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געכאַפּט זיך צו די ריט-לעך. דערפאַר אָבער האָבן מיר דעם צווייטן יומא דפגרא געכאַפּט דער רביצינס קוואָקעדיקע הון און געזעצט אויף דער שיסל פּיראָ-געס אונטערן קישן. ער קומט, נעמט די שיסל, שטעלט זי פאַר זיך, קוקט מיט די בלינדע אויגן, און צעשמייכלט זיך פאַר נחת:

— איי, איי, אַזוי פיל גערייִשטע ציבעלעס! און האָט אַריינ-געביסן... — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

איינמאָל האָבן מיר אים אויף אַ גליטש פאַרנאַרט. הינטערן בית-המדרש איז געווען אַ גליטש. האָבן מיר זי צווישן מנחה ומעריב פאַרשיט מיט שניי און געשיקט אַ חבר אין בית-המדרש אַריין, ער זאָל די רעשט פאַרן רבין פאַרמסרן, אַז מען גליטשט זיך... גייט ער אַראָפּ, קומט אויף דער גליטש, קערט זיך איבער: אַ שווע-רער מענטש געווען, הייבט ער זיך און פאַלט, הייבט זיך און פאַלט. מיר לאַכן... ווילן אַנטלויפן. שרייט ער נאָך: רחמים! שווערט, ער וועט אונז נישט שלאָגן, גאַרנישט טון...

האָבן מיר אים אויפגעהויבן, און ער האָט וואָרט געהאַלטן. פאַר דאָס צום דריטן זמן אַן אַנדער קנעלונג זיך געשאַפט. מיר (איך און מיין שוועסטערקינד) זענען מיר אַריבער צו גאָר אַ בייזן מלמד.

דער האָט שוין געקניפּן, אַ מוהל געווען, אַ נאָגל געהאַט! און מיר האָבן נישט געשוויגן. אַ ספּאָדיקל האָט ער געטראָגן, האָבן מיר אין ראַנד אַריינגעשיט שניי. זיצט ער ביים טיש, הייבט אָן רינען איבערן פּנים... טיי האָט ער ליב געהאַט. די רביצין שטעלט אים יעדן טאָג אַ בלעכערנעם סאַמאָוואַרל אויף, אָן אַ טשייניק, שיט אין סאַמאָוואַרל אַריין עטלעכע קערנדלעך טיי, ער ברומט: צו וויניק; זי הערט נישט. און די טיי איזווירקלעך וואַסערדיק. האָבן מיר איינמאָל געבראַנגט שמירעכטס פון אַ ראָד און צוגע-שיט... דאָס סאַמאָוואַרל קאָכט אויף. ער גיסט זיך אָן אַ גלאָז: שוואַרץ ווי טינט. אַ מחיה. ער וואַרפט דער רביצין אַ דאַנקבאַרן

בליק און זעצט זיך און שטעלט דאָס גלאָז פאַר זיך אויפן טיש. ער ווייל זיך שוין צורירן מיט די ליפן, קריגט מען מורא, ער זאָל זיך הס ושלום נישט סמען. גיט עמעץ מיט אַ פוס אַ זעץ אין טיש אַריין פון אונטן, דאָס גלאָז קערט זיך אום דעם רבין אין שויס אַריין, דער טיי איז געווען קאָכעדיק — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

דער גרעסטער להכעיס איז אָבער געווען אַן אַנדערער: ביים לערנען האָט ער געפייניקט מיט קשיות און פאַרלאַנגט מיטן מוהל־נאָגל תירוצים... קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען. מיר האָבן געוווּסט, אַז עס איז נישט זיינע קשיות, נישט זיינע תירוצים. פלעגט מען זיך אַמאָל אַ שבת אַריינכאַפּן אין בית־המדרש אַריין, דורכקוקן אויף דער וואָך די תוספות און מהרש״א און זונטיק פרי האָגלען אויף אים מיט קשיות. אַ קיילעכדיק, פעט יידל געווען, — ער שוויצט, דרייט זיך ווי אַ וואָרם, די קיילעכדיקע אויגן וואַרפן זיך אין שרעק, און מיר פּלאַצן דערנאָך אַרויס מיט אַ געלעכטער... נעמט ער און קנייפּט...

פרייטיק פלעגט ער אַלע איבערשמייסן, מכלומרשט אויף קאַטאָוועס: אַן אַלטער מנהג, מען זאָל געדענקען שבת. עס פלעגט אָבער אָפּט ווייטון...

און דאָך האָבן מיר אים טיילמאָל ליב, זייער ליב געהאַט...

אין אַ יומא דפגרא פלעגן די יינגלעך ברענגען קליינגעלט (צוויערס, דרייערס, העכסטנס — צענערלעך). דערפון פלעגט מען מאַכן אַ סעודה. די סעודה איז באַשטאַנען פון דער רביצינס סחורה. הערינג, קיכלעך און הייסע באָבעס... זעצן צו דער סעודה פלעגט זיך צו אונז אויך דעם רבינס איינציקע טאָכטער... אַ בלאַס טרויעריק מיידל מיט לענגלעך־פאַרנעפּלטע אויגן... און דער רבי פלעגט זי גלעטן איבערן געלבלעך־גאָלדיקן קעפּל און איר און אונז מעשיות פאַרציילן... אַן אַנדער מענטש געוואָרן. אַזוי ווייך, אַזוי האַרציק. און דער קול איז אַנגעזאַפּט געווען מיט אַזאַ טרויעריקער גוטסקייט, אַז די בייזע רביצין, ביים באַזונדערן טישל, האָט זיך די אויגן געווישט...

איי האָבן מיר אים דעמאָלט ליב געהאַט...

נאך נעפּלדיקע יאָרן

ווייטער נעפּלדיקע יאָרן.

אַ „קאַלטע“ מומען האָב איך געהאַט, מיין חבר יחזקאלס מוטער. אַ הויכע, מאָגערע יידענע, אַ בלאַסע, אַ קרענקלעכע. פון איר האָט ד״ר עטינגער זיין „סערקעלע“ געמאַכט. שרייט שטענדיק „אוי, מיינע כחות!“ טרינקט אַלץ אינאיינעם מאַנדל־מילך פאַרן האַלז און באַקט באַשטענדיק קעז־קוכן (דאָס איינציקע פון זיםקייטן, וואָס איך האָב ליב) און עסט... און באַהאַלט אים אויף אַ הויכער שאַנק, די קינדער זאָלן זיך, חלילה, די מעגעלעך נישט פאַרדאַרבן. און איך, אוים ליבשאַפט צום קעז־קוכן, איר להכעיס, און גלאַט אַ קונץ צו באַווייזן — שפּרינג אונטער, כאַפּ מיך אָן גזימס פון שאַנק, שלעפּ שטיקער און פאַרדאַרב מיר ווירקלעך דעם מאָגן. און עס קומט דער אַלטער בייזער דאָקטאָר סקשינסקי, וואָס וועט מיך שפּעטער באַפרייען פון מיליטער, און פאַרשרייבט מיר עפּעס ביטערס און געזאַלצנס אין אַ פלעשעלע, אַ ווייסע פּליסיקייט. און איך, אַז מען ווענדט זיך נאָר אָפּ פון מיר, גים אוים די מיקסטור, גים אַריין אַ ביסל מילך מיט וואַסער און נעם איין אַלע שעה אַן עס־לעפעלע, און בעט מיר יעדעס מאָל אוים אַן אַנדערע מתנה און פאַרקרים מיך דערביי, גלייך איך שלינג גאָט ווייסט וואָס... קוים ווער איך געזונט, — סקשינסקי ווינט צו אונז וויזאַ־ווי אַ פענסטער קעגן אַ פענסטער, — וואַרט איך אים אָפּ ביים פענסטער, און ווי ער באַווייזט זיך, שטרעק איך אים אַרוים די צונג. כאַפּט ער אַ שטעקן און לויפט צו אונז אַרויף, מיך מקיים פסק זיין, און אין שטוב בין איך אַליין... אָט לויפט ער שוין אַויף די טרעפּ... ריים איך אויף אַ גרויסע רויטע שאַפע אין שטוב, שפּרינג אַריין און טרעף מיט איין פוס אין אַ טאָפּ אייער אַריין...

פאַראַן ביי אונז אַ שטיקל גרין־באַוואַקסענע חורבה. שפּיל איך מיך דאָרט גאַנץ אָפּט פאַרנאַכט מיט קליינע מיידלעך אין חתן־כּלה. דער חתן בין איך. איך, מיט די פייערדיקע אויגן. די כּלה — מיינס אַ קוזינע, אַ מיידל מיט לאַנגע צעפּ. און אַז דאָס שפּיל פאַרלאַנגט, חתן־כּלה זאָל זיך קריגן, וואַרפן זיך מיט די מתּנות, כאַפּ איך אַ שטיינדל, וואַרף, טרעף איר אונטערן אויג, און זי בלייבט ביי אַ צייכן ביז צו דער אמתער חופּה... און דערביי בין איך גענעראַל און האָב אונטער מיר אַ גאַנצע מחנה הדר־יינגלעך... באַנקאָ־צעטל האָבן דעמאָלט פאַרפעלט, קליין־געלט — ווייניק, דערלויבט די רעגירונג, סוחרים זאָלן לאָזן אין קורס „קוויטלעך" אויפן אָרט פון קליינגעלט, — מאַכט דער טאַטע קוויטלעך, און איך — „שניעף". און גיב אוים אויף הילצערנע שווערדן מיט פּאַפּירענע שיידן, אויף געפלאָכטענע שטריקלעך צו די לענדן פון מיינע גבורים, און גרייט מיך צו אַ מלחמה מיט די „לעשניטיקים", ווי מען פלעגט רופן די „יינגען" פון דער ניי־שטאָט, צווי וויאָרסט הינטער זאַמאָשץ. דאָס „טרעפונג" וועט זיין אין מיטן וועג, הינטערן בשותפותדיקן בית־עלמין... איך עס איינדער־פרי קיין אָנבייסן נישט, איך טרינק נאָר די קאַווע, און טראָג אַוועק די בייגל מיט פּוטער פאַר אַן אָרעם יינגל, אַ יתום, וואָס וואַלגערט זיך אין בית־המדרש אַרום, אַביגדורל־מלמדס יתום... אַזוי האָט מיך געהייסן דער חובת־הלבבות.

איך ווייז חידושים אין בית־המדרש אין דאַמעך־ און שאַך־שפּיל. דאָס ברעט — אויסגעצייכנט מיט קרייד אין דער הויך, אויף דער פּאָדלאָגע פאַרן ארון־קודש, די שטיינדלעך און די פיגורן — געקנעטן פון ווייס און ראָזאָווע ברויט, און געטריקנט אָדער אויס־געשניטן פון קאַרטאָפליעס, די שוואַרצע — אין די שאָלן!

פּאַקטן פון קוים דריי „פאַרנעפּלטע" קינדער־יאָרן... וואָס טו איך מיט זיי? אויף וואָס פאַר אַ שנירל צי איך אויף די שטיינדלעך, גלעזלעך און די פּאָר פּערל?

אָט בינדט זיך מיר צוזאַמען מיין באַקאַנט ווערן מיט פיר־פיסיקע! דאָס וועל איך קענען פאַרציילן, ווי מען דאַרף!

די שטאָט, וואָס איך האָב גרייט געטראָפן, און וואָס, אַריינ־געדרענגט צווישן וואָלין, פאַרגרעסערט זיך נישט און ענדערט זיך נישט, וועל איך ערשט זען אין שעבערשין, דריי מייל פון דער־היים, וואַהין מען האָט מיך צו אַ מלמד פאַרשיקט. אויף אַ גאַנצן זמן... מענטשן זע איך אויך עפּעס נישט. מהאי טעמא... אַ קליינע,

רואיקע שטאָט, פון וואַנדערן, עמיגרירן האָט מען נאָך קיין בייזן חלום נישט, זעלטן עמעץ „גייט אַוועק, פון וואַנען מען קומט נישט צוריק", זעלטן ווערט עפּעס אין דער משפּחה געבוירן... איך געדענק נאָר דעם „הילך", די קנאַלן, ווען מען האָט די פעסטונג צעשאָסן, דעם רבינס מיט דער רביצינס שרעק, די מויערן פון די הייזער וועלן זיך שפּאַלטן... אויך געדענק איך די שרעק, ווען עס האָט געברענט „אויפן זייגער" אין טורעם איבערן מאַגיסטראַט. מען האָט זיך געפּאַקט. אַ שניי און אַ שטורם. דער טורעם, דער ברענענדיקער וואַקלט זיך, ער קען פאַלן און אַרויפפאַלן אויף די הייזער, רעכטס אָדער לינקס. צעשמעטערן די שטאָט. אַוועקגיין מיטן רויך... מען פּאַקט זיך אינדערהיים, און איך לויף אין שול אַריין, ראַטעווען די ספרי-תורהס...

*

מיט קעץ האָב איך מיך באַקענט נאָך אין חדר ביים רבין ר' בערישל. ביי אונז אינדערהיים איז אויך אַ געוויסע צייט אַ קאַץ געווען, האָט מען זי משלח געווען, איך זאָל זיך נישט שפּילן מיט אַ קאַץ... קי און אָקסן זע איך גאָר ווייניק. איך ווייס פון וואַנען עס קומען: מילך, קעז, „פּאָדסמעטענע" (זויער-מילך) און סמעטענע... פאַראַן אויך, מען ברענגט אַמאָל אויף אַ רפואה, ציגן-מילך... ז ע ע ן זע איך קיין אָקס און קיין קו נישט. „בלעקען" און „מע" הער איך נאָר פון חברים, וואָס מאַכן עס נאָך אין אַ קינדער-שפּיל. אָקסן און קי פירט מען צו „אונז" (מיין זיידע איז פאַכטער געווען) אין שחט-הויז אַריין, נאָר איבערן שאָסיי, אַרום שטאָט.

מיט פערד — גוט באַקאַנט אויך. פאַרשטייט זיך, געגנוג פון דער ווייטנס... אין הויף פון „הייפל" אַ גרויס פיר-עקיק אַלט הויז, אויף פיר אַרומיקע גאַסן, אין עק שטאָט, ביי דער לעמבערגער בראָם, וווּ מיין רבי האָט געוווינט, שטייען פויערן אין מאַרק-טעג מיט די פורן... פון איינעם פון די וועגן האָט מען דאָך באַקומען, פון ראָד אַראָפּ, אַביסל שמירעכץ צום רבינס סאַמאָוואַרל. איך מאַך סמיטשקעס פון פערדס האָר, נאָר איך אַליין רייס נישט. אַ ביסל פּחד, אַ ביסל צער בעלי חיים...

די אָפיצירן פון גאַרניזאָן האָבן פערד. דער גאַרניזאָן גייט אַוועק, קומען קאָזאַקן, טײַלמאָל אולאַנען, הוזאַרן... אויפן פּלאַץ, ביים געזעגענען דאָס מיליטער, וואָס איז געגאַנגען פון אונז צום

טערקישן קריג1), האָט ארומגעטאַנצט אַ יונגער גענעראַל אויף אַ פערדל, אַ שיינס, אַ סאַמעטנס, מיט אַזאַ חן, און מיט אַזוינע פליטערלעך באַהאַנגען...

„פערד ווי לייבן" האָט ישראל זשדאַנאָווער, ביי וועלכן מען דינגט פערד, אויב מען דאַרף ערגעץ פאָרן אין אַ נויטיקער זאַך, נישט שלעפּן זיך מיט אַ פויערישער פור...

„זשדאַנאָוו", דריי וויאָרסט הינטער דער לעמבערגער בראָם, איז אַמאָל געווען אַ יידישע קאָלאָניע. די פּוילישע רעגירונג האָט געוואָלט צוציען יידן צו ערד־אַרבעט און צוגעזאָגט הנחות פאַר יידישע קאָלאָניסטן: יאָרנלאַנג פריי פון אָפּצאָלן און דער עיקר — פון מיליטער... פאַרלייגט די קאָלאָניע האָט ד"ר עטינגער2), אַליין מיט די קינדער אין פעלד געאַרבעט... נישט מיינע צייטן, אין מיינע צייטן איז שוין ד"ר עטינגער לאַנג געווען אַ שוכן עפר. זיין זון האָט שוין צערקוועס געבויט, פון טאָג צו טאָג רייכער געוואָרן. „און פאַרט — האָט מען אוים קנאה געזאָגט — פילט מען אים פון די הענט דאָס מיסט, וואָס ער פלעגט פירן..." און פון אַלע יידישע קאָלאָניסטן איז געבליבן איין ישראל, וואָס האָט געפירט נישט קיין שלעכטע ווירטשאַפט. געהאַלטן קי, דאָס ווייב צע־טראָגן די מילך אין שטאָט, אויף שבועות — אויך פּיטער און גאָמילקעס, און קאָנקורירט זייער שטאַרק מיטן מילכיקער פון שיטאַניעץ (אַן אַנדערע זייט הינטער דער שטאָט), וואָס האַלט אויך „פערד, ווי די לייבן"...

און איצט — די באַקאַנטשאַפט, וואָס ווערט פון מיר געמאַכט מיט הינט...

פריער הער איך פון הינט...

אַן אַלטע דייטשקע איז „אַוועקגעקומען", אַ פאַרזינדיקטע, געטראָגן אייגענע האָר3), און נאָך אַנדערע פלעקן געהאַט אויף דער נשמה, פון וועלכע מען רוימט זיך אויפן אויער און מען פאַר־ציילט, אַז איר נשמה איז אַריין אין אַ הונט, אין אַ שוואַרצן, „קודלאַטן" הונט (ער איז אַריין אין מאַניש"), וואָס דרייט זיך

---

1) מלחמה צווישן רוסלאַנד און טערקיי אין יאָר 1856. — רעד.

2) ד"ר שלמה עטינגער אַ באַרימטער יידישער שריפטשטעלער, געבוירן אין זאַמאָשטש אין יאָר 1801, געשריבן אַ סך משלים און אַ קאָמעדיע א. נ. „סער־קעלע". — רעד.

3) אַמאָל האָט אַ יידישע פרוי געמוזט טראָגן אַ פּאַריק. — רעד.

נאַכט אויף נאַכט אַרום אויפֿן דאַך, איבערן הויז, ווו זי האָט גע־וווינט. דער בעלפֿער, וואָס מאַכט פֿרייטאָג ביי אונז די פֿיש, האָט אים אַליין געזען... סליחות-צייט גיי איך מיטן טאַטן, אַ שטיק נאָך פֿאַרטאָג צו סליחות, און זוך, נישט אינגאַנצן אָן שרעק דעם הונט אויפֿן דאַך — קיין זכר.

חברים אין חדר און אין בית-המדרש רעדן פֿיל פֿון הינט, יונגעלייטלעך — אויך. די הינט זענען אַ שטיין אין וועג... לאָזן קיין לעבעדיקן מענטש פֿון שטאָט נישט אַרויס...

הינטער דער לעמבערגער בראָם, נאָכן בית-עלמין, נאָך דער ניי-שטאָט, אַ צוויי וויאָרסט ווייטער, איז פֿאַראַן אַ דאָרף יאַטוטאָוו. האָט יאַטוטאָוו אַ שענק מיט אַלטן מעד, באַרימט אין דער סביבה. פּריצים קומען אַהין טרינקען. אַ יונגנמאַן אויף קעסט ווילט זיך אַהין... פֿאַרצייטנס, פֿאַרציילט מען, פֿלעגן באַלעבאַטים, יעדן זו־מערדיקן פֿרייטיק, נאָכן מרחץ, גיין קיין יאַטוטאָוו, אונטערלענען זיך, פֿאַר קבלת שבת, מיט אַ גלעזל מעד... נישט היינטיקע צייטן... היינט קען מען שוין נישט. עפּעס בייזע הינט איינגעפּירט. אַ קעסט־קינד האָט זיך געוועט, ער וועט זיך אַראָפּכאַפּן... „האָסט אַ פּסוק?" — לאַכט מען. ניין... ער האָט אַ „ספּאָסאָב". הינט, האָט ער בקבלה פֿון אַן אַלטן פּויער, פֿגרן פֿאַר ווייך-ברויט, אויסגע־שמירט מיט שוויים פֿון אַ מענטש. וועט ער נעמען אַ שטיק ווייך ברויט, אויסקנעטן אין די הענט, ביז ער וועט עס דורכנעמען מיטן שוויים, און וואַרפֿן... מען געוועט זיך (אַזוי פֿאַרציילט מען). ער גייט, קומט, מחילה, צוריק אָן הויזן און אָן אַ שטיק „ווייך־פֿלייש" פֿון אַ פּוס.

שיטאַניעץ, הינטער דער לובלינער בראָם. נאָכן שחט-הויז, האָט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אַ מילכיקער. האָט ער אַ שטיקל „מילכיקע אכסניא". פֿאַרקויפֿט ער זומער-צייט ערדענע שיסלעך סמעטענע. פֿאַר אַ דרייער אַ שיסעלע. קאַלט, אַ מחיה, פֿון קעלער אַרויס, און גאָמולקעס מיט „קמינעק" (קימל). אויך בייזע הינט אין דאָרף!... מען קען אפילו זיך אָפּשטעלן ביים שאָסיי, אַ געשריי טון: יאָסל! קומט ער אַרויס און פֿירט, דורך די כלבים, מיט אַ בייטש... קען אָבער אַמאָל יאָסל נישט זיין אינדערהיים, דערהערן וועלן די הינט! און אַליין דאָס בילן — איז ווייניק?

מען קען אפילו אין שחט-הויז אַריין, ווו די שוחטים בראָטן און זענען מכבד מיט אייטער, נישט קומען; אַזוינע כלבים מיט בלוטיקע פֿאַרגאָסענע אויגאַנעס. מיט די קצבים לעבן זיי גוט, די

חיות רעות לעקן ביי זיי פון די הענט און פון כאַלעוועס אַראָפּ דאָס בלוט, מיט וועלכע זיי באַשפּריצן זיך, — די שוחטים זענען שוין אַמאָל אין אַ סכנה, גייען לאַנגע קאַפּאָטעס, נישט שפּענצער מיט שטריק, ווי די קצבים, — און הינט האָבן דאָס נישט ליב...

הינטערן פלאָץ, וווּ די אָפּיצירן וווינען, זענען פאַראַן גרינע טאָלן; שענער, ווי די לאַנקעס ביים טייך הינטער דער שטאָט. און בלומען וואַקסן, אַ מחיה צו שפּאַצירן. דערצו ליגן דאָרט פון פעסטונג געבליבענע קוילן און גראַנאַטן, אין דרייעקיקע קופּעס (הויפן), כמעט אַ שרעק! און היינט מעג מען שוין קוקן, ווייזן מיט אַ פינגער, אַפילו אָנרירן מיט אַ האַנט (נישט טשעקאַווע?). דאָס פעסטונג איז דאָך שוין אוים פעסטונג, די מויערן צעשאָסן, דריי פערטל וואָלן אָפּגעשיט, — איז אָבער דער דורכגאַנג דורכן פולקאָווניקס הויז, און אין פעדער־הויז שטייט אַ הונט, אַ גרויסער, אַ שוואַרצער, אַ קודלאַטער — גרויס ווי אַן אָקס! אַפילו אויף אַ קייט, אָבער, אַז ער רייסט איבער די קייט? וואָס איז ביי אַזאַ הונט אָפּרייסן זיך פון אַ קייט? בפרט, אַז ער וועט דערזען אַ קאַפּאָטע? אַהין גייט נאָר מיין רייכער קרוב (אַ קאַלטער פעטער) י. מ., וואָס האָט אַ הויז אין שטאָט, אַ פאָלוואַרק הינטערן שטאָט, אַ הויז אין וואַרשע, וווּ ער פאַרברענגט חדשים, און איז פאַדראַטשיק, און קומט אין קלוב אַריין, און בעט אָפּט דעם פולקאָווניק, מיט וועלכן ער האָט עסקים, צו זיך, און גייט אָפּט צו אים... ער איז געוווינט צו הינט, האָט א ײ ג ע נ ע אין פאָלוואַרק, ווייסט, ווי זיך נוהג צו זיין. און דער עיקר — טראָגט זיך שוין האַלב דייטש...

און אפילו קליינע, חנעוודיקע, מיוחסדיקע הינטלעך האָבן פיינט יידישע קינדער... עס שטערט דעריבער דאָס באָדן זיך זומער, ביים טייכל. אַרום זענען לאַנקעס פון פעסטונג, פון געוועזענעם; נעמט אַראָפּ דאָס היי דער געוועזענער, ווי עס זעט אוים — דער פאַרגעסענער „סמאָטריטעל“. וויל ער נישט, יידישע קינדער זאָלן גיין זיך באָדן, ווייל זיי האַלטן זיך נישט אינם שטעגל, וואָס פירט צום טייכל, און לויפן, און יאָגן זיך איבער גראָז און היי. און דער שמאָלער גאַנג פון שטאָט אַרויס, — אויב מען וויל נישט מאַכן אַ גרויס אומוועג, דורך דער שעבערשינער בראָם, איבערן שאָסיי און דערנאָך לינקס איבער די גריבער! — איז פונקט צווישן אַ פאַרגעסענעם וואָל און די פענסטער, וווּ דער סמאָטריטעל וווינט... וואָלט אייגנטלעך דער סמאָטריטעל נישט געווען אַזוי געפערלעך.

ער שפּילט גאַנצע נעכט אין קלוב אין קאָרטן, און בייטאָג האָט ער ליב דעם ביטערן טראָפּן — טרינקט ער און שלאָפט... ער וואָלט נישט געהערט, כאָטש זומער שלאָפט ער ביים אָפענעם פענצטער, און מען שלייכט זיך פאַרביי שטיל: פאַרן הויז נעמט מען שטיוול און שיך אַראָפּ, מען גייט אויף די שפּיץ נעגל, מען האַלט דעם אָטעם איין... מען הערט, ווי דאָס אייגענע האַרץ קלאַפּט, און דער סמאָטריטעל שנאָרכט...

וואָלט גוט געווען? האָט ער אָבער אַ ווייב! און זי שפּילט



אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ.

פון רעכטס: ה. ד. נאָמבערג, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, שלום אַש, י. ל. פּרץ און אברהם רייזען.

נישט אין קאָרטן און טרינקט ממש גאָרנישט... „אַ הויכע ווי אַ דראָנג, אַ דאַרע, ווי אַ שטעקן, אַ פלאַכע, ווי אַ ברעט, אַ פּנים (נאָך פּאָקן!) ווי אַ רייב־אייזן, מיט אַ בעזעם־קווייטן איבערן שפּיציקן קאָפּ". — מען האָט דערפון אַ לידל געמאַכט, געווים האָב איך מיטגעהאָלפן...

וואָלט זי אָבער אויך נישט געפערלעך געווען. ערשטנס — אַ מזג־טוב פון אַ גויע. קינדער, אַפילו יידישע, אין קאַפּאָטקעלעך, האָט זי ליב אהבת־נפש; מען זאָל זיך לאָזן, וואָלט זי אין גאַס געכאַפּט און געקושט, קען זיין, ווייל זי אַליין האָט נישט און האָט נישט געהאַט קיין קינדער... און דריטנס, אויב זי לויפט נישט

אַרום איינקויפן אין מאַרק, אין די געוועלבער, וואָס פּאַרנעמט איר דריי פערטל טאָג, זיצט זי איינע אַליין אין שטוב און לייגט זיך קאַרטן.

וואָלט זי, הייסט עס, קיין שטערונג נישט געווען! האָט זי אָבער — אַ הינטל! און אַ הינטל אַ „יקר המציאות“, אַ מיוחסדיקס... שפּעטער, אַז זי איז אַן אַלמנה געוואָרן, און אונזער פעלדשער האָט געכאַפּט דאָס גרויסע געווינס, האָט ער ביי איר דאָס הינטל אָפּגעקויפט פאַר אַ מטמון. מען זאָגט פאַר שש מאות זהובים! און — ער האָט זיך געקויפט אין שטאָט אַ הויז, ווו ער האָט געעפנט אַ מאַגאַזין פון ביכער „אויף אַלע לשונות“, צו בילדן די שטאָט, און אַ קליין הייזל הינטער דער שטאָט... דאָס הויז אין שטאָט מיטן מאַגאַזין האָט ער איבערגעגעבן די זין, און ער אַליין, (שוין אַן אַלמן) האָט זיך אַרויסגעצויגן מיטן הינטל אין הייזל הינטער דער שטאָט, און איך האָב דעמאָלט קוים אָפּגעהאַלטן מיינע חברים, זיי זאָלן נישט נוקם זיין אינם „יידיש געוואָרענעם הינטל“ פאַר זיינע חטאים, ווען עס איז אַ גויש הינטל געווען...

דערווייל אָבער איז נאָך דאָס הינטל ביים סמאָטריטעלס ווייב, און איך דאַרף עס דאָ פאַרציילן זיין גרויסע זינד!

איזן איז עס אַ הינטל, ווי דערמאָנט, אַן איידלס, אַ סאַמעטנס, אַ שוואַרץ-גלאַנציקס, מיט אַ ווייסן פלעק צווישן די אייגעלעך, וואָס זעען דעריבער אויס, ווי געבלענדט און פיסלעך האָט עס דינינקע, אונטן — די פיסבלעטלעך — איבערגעבויגענע, עס זעט אויס, אַז עס גייט אויף קניען... און אינגאַנצן אַ ציטעריקס, מיט אַ ציטעריק ביי-קולעכל. און אַז עס ווערט מיד, זיצנדיק ביי דעם סמאָטריטעלס פלוניתטע אויף דער שויס, און עס כאַפּט זיך אַ ביסל לופט צו שעפּן, אַ ווײלע אַרוים פאַר דער טיר, און דערזעט אונז, אונז יידישע קינדערלעך, הייבט עס אויף דאָס ציטעריק ביי-קולעכל און וועקט אויף דעם סמאָטריטעל, וואָס וויסט שוין, וואָס עס באַטייט. און שיקט אונז נאָך זיינע לייט, אונזער אָנטון צו פאַרנעמען... איז אַ חרפּה און אַ האַרצווייטיק — די ציצית ביי די גויים אין די הענט! מוז מען זיך אָפּקויפן, אָדער אַזוי לאַנג שרייען און וויינען, ביז די לייט קריגן רחמנות, אָדער עמעץ קומט אָן און לייזט אויס.

טאַטע-מאַמע זאָגן: „אַ לעבונג אויפן סמאָטריטעלס קאָפּ! עס וואָלט דען איינגעזעסן אין חדר נאָך ספירה!?

אַ פון הינט פאַרציילט אויך מיין קראַנק ברודערלס ניאַניע.

קרענקלעך ברודערל געווען, נאָך מיר דאָס דריטע... עס דאַרף השגחה. דער טאַטע פאָרט אַרום צו פּריצים וועגן מסחר, די מאַמע — אין געוועלב, דאָס שוועסטערל — צו קליין, שפּילט זיך נאָך אין צייכן, אָדער פאַרן געוועלב אין זאַמד. צום ברודערל נעמט מען צו אַ גויע פון דאָרף.

איז עס אַ קליינע, אַלטע גויע, שיטערלעכע ווייסע האָר, אַן אויסגעדאַרט פּנים; קליינע, נאָר שטילע אייגעלעך, און פייכטע האַלב-פאַרשכורטע; זי טרינקט, און טרינקענדיק ווערט זי נאָך בעסער, נאָך געטרייער. האָט אַ מאַן אין דאָרף, צו וועלכן זי בענקט, כאַפּט זיך אַרוים פון צייט צו צייט, און קומט צוריק — צעשלאָגן, צעביילט, אָפּגעצויגן, האַלב נאַקעט... און ווערט צום הויז נאָך צוגעבונדענער, נאָך געטרייער... שלעפּט זי מיין קראַנק ברודערל איין מיט געזאַנג און מיט מעשיות... פאַרשטיי איך ווייניק פּוי־ליש, נאָר איך שטוים מיך, טרעף, וואָס מען מיינט. כאַפּ איך מיך אַמאָל, פאַרנאַכט, אין שטוב אַריין, לייג מיך אויפן בעט, מכלו־מרשט — קאָפּ-ווייטיק, און הער מיך איין, ביז די מאַמע קומט און גיט „וויעטשערע".

זינגט זי אים „קאַלענדים", געצויגענע, לאַנג-געצויגענע, און איך ווערט אָפּ מיט שטילן האַרץ-קלאַפּעניש אויפן רעפריין:

— העי, קאַלענדאַ, קאַ—לענדאַ!

אַמאָל, פאַלט איר איין, פאַרציילט זי (האַלב שיכור) פון אַ גוישן מלאך-המות — אַ פרױע, וואָס פליט אַרום אינדערלופטן און האַלט, און פאַכעט מיט אַ ווייס לייכל... און דער, אויף וועלכן זי פאַכעט, — גייט פון דער וועלט; איז עס אַ שטאָט, ווערט אַ מגפה... נאַכמער טעות! איך ווייס דאָך: דער מלאך-המות איז אַ מאַנספּאַרשוין, האָט טויזנט אויגן...

איז אַמליבסטן, ווען זי פאַרציילט וועגן חיות ובהמות פון דאָרף. ליבער — פון פּריצישע און דאָרפישע הינט. דאָס פאַרציילט זי לעבעדיק, מיט באַוועגונגען, מאַכט נאָך ממש דאָס בילן, דאָס כאַפּן, דאָס לויפן...

די פּריצישע הינט זענען פלינקע, גייען אויף געיעג; אויף לאַנגע שנירן געפירט. אז מען גיט אַ בלאָז, לאָזט מען זיי אָפּ, פליען זיי, ווי די ווינטן... יאָגן נאָך די חיות... און — גבורים! — פאַלן אָן אפילו אויף ווילדע חזירים, אויף בערן און וועלף, כאַפּן געשיקט האָזן און פּיקסן... אויף חזירים — אַ מצוה! אויף די האָזן וועקט זיך רחמנות, אויבוויל איך האָב קיינמאָל קיין האָז נישט

געזען און ווייס פון אים נאָר פון דער תורה, ווו ער ווערט פאַ־רעכנט צווישן די „נישט ריינע"... אָבער אַ ציטריקס איז עס, לויט זי פאַרציילט, אַ שטיל־ציטעריקס. אויף די פּיקסן — אויך אַ מצוה; ווערגן די הינער, אַזוי פאַרציילט זי! און לויפן, דאָס ווייס איך, איבער די חורבות פון בית־המקדש... און פון „שיר השירים" ווייס איך, אַז זיי פאַרדאַרבן די וויינגערטנער אין ארץ־ישראל... קלוג זענען זיי, די פּיקסן, אָבער וואָס טויג מיר זייער חכמה, אַז עס איז נאָר צום שלעכטן?

די פויערשע הינט זענען אויך בריהס. היטן פּאַר גנבים... זיי לײַדן פּיל. מען האַלט זיי, דאָס מערסט, אויף קייטן, אַזוי הייסט די פּאָליציי. און די גנבים סמען זיי... און די הינט זענען אַזוי געטריי! זיי בילן און וועקן דאָס דאָרף, קוים באַווייזט זיך אַ פונק, אַ שרפה. אָדער ווינטער־צייט, אין די גרויסע פרעסט, ווען די חיות, פון הונגער געטריבן, לאָזן זיך פון וואַלד אַרויס צום ישוב — באַלד אַ רעש, אַ געפילדער! כאַפּן זיך די פויערן אויף, לויפט מען אַרויס מיט שטעקנס, מיט דרענגער, מיסט־גאָפּלען, הו־האַ! מען רינגלט אַרום, מען קלאַפּט דער חיה אין קאָפּ אַריין. מען צעשמעטערט איר דעם קאָפּ.

„און פאַרוואָס כאַפּן זיי אין שטאָט די „היצלעס" (הינטשלע־גער)?

— — — — — — — — — — — — —

און באַלד איז מיר באַשערט געוועזן צו באַקענען זיך מיט לע־בעדיקע פּריצישע הינט.

דער טאַטע, ווי דערמאָנט, האַנדלט מיט פּריצים. דאַרף ער אַמאָל, אין אַ ווינטער־טאָג, אַרויספאָרן צום פּריץ קיין סטאַבראַווו, פאָלט אַ.ם איין, מיך מיטצונעמען. פאַרפאָרט ער צום „הייפל" צו, קומט אין חדר אַריין. — עס איז קיין מנהג נישט, צו פאָרן איבער דער שטאָט. ווער דאַרף וויסן, ווער וואוהין עס פאָרט, וואָס פאַר אַ געשעפטן עמעץ האָט? אַ קליינינקייט: קאָנקורענץ און עין הרע!

אפילו מיין רייכער, קאַלטער פעטער, דער דערמאָנטער י. מ., וואָס גייט איבער דער שטאָט מיט פאַרלייגטע הענט הינטער זיך, אפילו ער, וואָס מען שיקט נאָך אים זיינע אייגענע פערד פון פאָלוואַרק, פאָרט אויך אַרויס נישט פון מאַרק, נאָר פון הינטער־געסל; גייט דורכן הויף צו דער בריטשקע. אַנדערע גייען אַרויס פון שטאָט און זעצן זיך אויף. מאַכט מיין טאַטנס פאַרפאָרן פאַרן הייפל אַ רושם. אַז ער גייט אַרויף אויף די טרעפּ, גייט מען אים

נאָך; עס מוז נישט זיין אומזיסט! געעפנט די טיר, לאָזט מען זי אים נישט צומאַכן: הינטער אים, אין טיר בלייבט שטיין מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אַ ייִד, הינטער אים — עטלעכע ווייבער. דאָס חדר גאַפט. און אַז דער טאַטע זאָגט, נאָך וואָס ער איז געקומען, גאַפט מען נאָכמער.

— ר׳ יודל — פּרווט זיך דער רבי, — ס׳טייטש, בטול-תורה?

דער טאַטע צעלאַכט זיך. ער ווייסט און אַלע ווייסן, אַז איך און יחזקאל זענען מיר פריי אויף פינף און זעקס טעג אין וואָך. ער, אַ געלאַפּענער, הערט זיך איין צום שיעור באַלד זונטיק און פאַרטרעט דעם רבין, וואָס איז אַמאָל פאַרנומען מיט אַ ביי-פּרנסה, אַ שדכנות, צי אַ בוררות, און גאַריט מיט די חברים. איך, ווידער, לערן ערשט פּרייטיק... פּרייטיק קריגט דער רבי „בחצי חינם" אַ באַבעלע פון ר׳ משה יצחקס גאַרקיך פאַר אויספירן עפּעס אַ שידוך: איז פּאַרן באַבעלע — די ערשטע רעפּעטיציע צום פאַרהערן אויף שבת, און איך לערן, — נאָכן באַבעלע. האַלט זיך דער רבי ביי איין ווישן די פּעטע וואַנסן און אַפּשאָקלען די באָרד.

פּאָר איך. יחזקאל וויל מיט. דער טאַטע האָט אים מורא צו נעמען. ער וועט זיך, חס ושלום, פאַרקילן, וועט ער זיך ביי פרײדעלען (זיין מוטער) קיינמאָל נישט אויסקויפן...

מען קומט אין פעלד אַריין — עס כאַפּט מיך אַרום אַ ווייסע, דאָס ערשטע מאָל געזעענע, ווייטקייט. דער טאַטע איז שוין פאַרטראַכט אין די חשבונות מיטן סטאַבראַוווער פּריץ, און איך בין געבלענדט פון שניי, און פון די „בריליאַנטן" איבערן שניי, פון דער ציכטיקייט און ריינקייט... איך גיב אַ קוק צום הימל, און כאַפּ אָן דעם טאַטן ביים אַרבל:

— טאַטע, טאַטע, זע אַ געגליוועטע זון, ווי אונזער אתרוג-פּושקע!

געווען ביי אונז אַן אתרוג-פּושקע אַ מאַט-זילבערנע...

דער טאַטע אָבער לאָזט זיך פון זיינע חשבונות נישט אָפּפירן!

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן... זיץ שטיל...

דערזע איך דעם שמייסערס אַקסל, אַזוינע ברייטע, און די קאַמישע, פּוטערנע, קוטשמע אויפן קאָפּ... און קוק פ אַ ר מיר... און זע, ווי די פערדלעך לויפן... קליינע, פלינקע פערדלעך, שפּריצן פון אונטער די פיסלעך גאַנצע וואָלקן שניי-שטויב. און דער פויער זיצט און ריכט זיך נישט, ווי אַ שטיק זאַלץ זיצט ער, און די בייטש שטייט אים ביי דער זייט. ער דאַרף זי נישט! דער שליטן

גליטשט זיך! נעמען די בייטש? וואָס וועט זאָגן דער פויער?
אַ בייטש איז דאָך אַ יצר־הרע! איך שטרעק אוים די האַנט, דער
טאַטע, אומגעדולדיק:

— גיטע!

איך צי די האַנט צוריק. עס ווערט מיר קאַלט, דעם טאַטן
זאָג איך נישט, איך בין אויפן ברוגז. דערווייל פאַרפאַרט מען פאַרן
הויף, ווי אַ שטעטיש־הויז... נאָר הינט שפּרינגען אַרוים, ערגעץ
פון אַ ווינקל... איינס, צוויי, דריי, פיר — — איך צייל, נישט אָן
שרעק... הינט גרויסע, מיט די צונגען אוים די מיילער, טייל בילן...
אַלע שפּרינגען צו... דער טאַטע מאַכט זיך נישט פון זיי. שפּרינגט
אַראָפּ פון דער פור, טוט אוים דעם פעלץ, וויקלט מיך מיט אים
אַרום, גייט צום הויף צו. טייל הינט גייען אים נאָך, בילנדיק...
צוויי אָבער בלייבן, שטעלן זיך, פון ביידע זייטן שליטן, אויף די
הינטערשטע, אָנגעשפּאַרט אויפן שליטן מיט די פעדערשטע פיס.
איך זע בחוש, זיי נישטערן מיט די אויגן אין שליטן, זוכן מיט
די ציטערדיקע נעז, — נישטאָ עפּעס גוטס? דער פויער, וואָס האָט
אָנגעהאָנגען האָבער פאַר די פערד און זיך אויך גענומען צום עסן,
וואַרפט זיי שטיקלעך ברויט און שטיקלעך חזיר־פעטס. דאָס ברויט
רירן זיי נישט, דאָס חזיר־פעטס שלינגט מען!

דאָס געפעלט מיר נישט!

— — — — — — — — — — — — —

ווערט אַ גרויסע ענדערונג.

שבת פאַרהער איך מיך ביי ר' משה וואהל, ביים רב... אַ מזג
טוב. מיך האָט ער ליב, און זאָגט דעם טאַטן:

— ער דאַרף אַן אַנדערן מלמד.

— ווו נעמט מען?

— שיק אים קיין שעבערשין צו פנחסלען...

— וואָס וועט זאָגן ריוועלע?

— ווייסטו וואָס, יודל? פּרווו אַ זמן אין בית־המדרש, זאָל
ער לערנען אַליין.

בלייבט אַזוי. עס איז טאַקע ענדע זמן. איך זאָג צו, אַז איך
וועל גוט זיין, פרום זיין, אַ מתמיד זיין. אָבער ווער פריי! און כאַפּ
מיך מיט געשמאַק צו חקירה און קבלה־ספרים... און נאָכמער לויף
איך אַרום... טו מעשים.

טויג נישט. בלייבט, מען מוז באַקומען אַ רעכטן מלמד. דער־
ווייל זאָל איך לערנען אינדערהיים. און כדי איך זאָל נישט קענען

אַרומלויפֿן, נעמט מען מיר די שטיוול צו אויף אַ גאַנצע וואָך. מיר מאַכט נישט אויס. לויף איך אַרום אין די שטעק־שיך אין הויף. ווערט ענג, וואַרף איך מיט פֿיס־באַוועגונגען די שטעק־שיך אויפֿן דאַך אַרויף, און כאַפּ מיך, דורך אונזער גאַניק אַרויף אויפֿן דאַך פֿון צווייִשטאָקיקן הויף אַרויף, אַראָפּצונעמען זיי. דערזע איך די שטאָט דאָס ערשטע מאָל פֿון דער הייך, מאַכט עס אויף מיר קיין גרויסן רושם נישט. העכערע, דריי־שטאָקיקע הייזער, פֿאַרשטעלן זיי... דערמאָן איך מיך, וואָס איך האָב געהערט, אַז פֿון גאַניקל, אַרום זייגער־טורם איבערן מאַגיסטראַט, זעט מען נישט נאָר די גאַנצע שטאָט, נאָר אַרום און אַרום שטאָט אויף אַ מהלך! כאַפּט מיך אָן אַ גליסטונג דאָס צו זען. קריך איך אַראָפּ פֿון דאַך און גיי אַרום טעג און טראַכט, ווי אַזוי גנבעט מען אָוועק די שטיוול, און ווי אַזוי באַקען איך מיך מיטן אַלטן זייגער־מאַכער, וואָס גייט יעדן טאָג אַרויף, אָנציען דעם זייגער, ער זאָל מיך מיטנעמען...

זאָגט מען: אַביסל געלאָסענער געוואָרן... שמייכל איך אין מיר אַריין און טראַכט ווייטער... דערווייל שטייענדיק פֿאַרטראַכט אויפֿן גאַניקל, הער איך, ווי דער טאַטע, אַרויסקומענדיק פֿון טיר צום גאַניקל (מיך, שטאַרק פֿאַרנומען, זעט ער נישט), רופֿט צו דער צווייטער טיר, אין קיך אַריין:

— מירל, זייט־זשע מוחל, לויפֿט אַראָפּ, נעמט אַ שליח און שיקט צו ישראלן קיין זשדאַנאָוו, ער זאָל תיכף ומיד קומען מיט די פֿערד...

מירל ענטפֿערט: „גוט, גוט! זי וועט זיך נאָר אָנטון, נאָר כאַפּן אויף זיך עפּעס..." דאָס וועט דויערן! נעם איך, כאַפּ און לויף קיין זשדאַנאָוו. דאָס גאַניקל פֿון זייגער ווערט דערווייל אָפּ־געלעגט. לויף אין די שטעק־שיך. אין גאַס קוקט מען מיר נאָך, מען רופֿט: משוגענער! מען וויל מיך פֿאַרהאַלטן. איך דריי מיך אויס, ווי אַ שלאַנג. כאַפּט מען מיך אומגעריכט, רייס איך מיך אויס, און לויף, און קום... און פֿרעג (אַזוי פֿיל פּויליש קאָן איך שוין) אַ פּויער פֿון דאָרף, ווו ישראלס הייזל איז? „טאָם", און ווייזט מיר מיטן פֿינגער. איך מיין, איך ווייס, און לויף, און פֿאַל אַריין צו אַ שכן אַ דייטש, אַ רייכן קאָלאָניסט. און באַלד נאָך דער פֿורטקע פֿאַלט צו אַ הונט, גיט אַ שפּרונג צו דער ברוסט, לייגט מיר די פֿעדערשטע לאַפּעס אויפֿן אַקסל, און קוקט מיט זיינע גרויסע, רויט־קלוגע אויגן אין מיינע אויגן אַריין: „ביסט אפֿשר אַ גנב!" אַ געלערנטער הונט, און וואַרט, עמעץ זאָל אַרויסקומען...

וואָס איך פיל, מאַלט אייך אַליין. דעם הונט פאַרשטיי איך ווייניק. און אַ הונט איז ער אַ גרויסער, אַ ברוינער, אַ האָריקער... דער מוטערם מילך ווערט מיר אַנטרינען. און שרייען קען איך נישט, פאַרשנירט דער האַלז. אַ מערכה, מען האָט מיך נאָך אויפן וועג, פון ישראלם פענצטערל דערזען. באַלד שפרינגט איבערן פלויט אַ מיידל, כאַפּט אָן דעם הונט ביים אַקסל, גיט אים אַ שליידער אַוועק און פירט מיך אַרוים צו ישראלן...

זיין טאָכטער געוועז...

אַ מיידל, אַ יונגם — בלוט און מילך. אויגן קלאָרע, קלוגע און זיסע. אַ נעץ פון שוואַרץ-גלאַנציקע האָר. און אַזאַ גבורה... וואָלט אויך געקאָנט קומען פון די לעמפּערט-בערג...

פאַלט מיר איין גאָר צו באַווייזן אַ גבורה און אָנכאַפּן אַ געלן גרויסן הונט ביים עק... און ער גיט זיך אַ רוק אָפּ, אַ שפרונג אַרונ-טער, און אַ שפרונג אַרויף מיר אויפן אַקסל...

איך האָב ביז היינט אַ צייכן...

האָט זיך שוין איבערגעפילט די מאָס, שיקט מען מיך קיין שע-בערשין, צו ר׳פנחסלען...

— — — — — — — — — —

זאמאשץ — שעבערשין — זאמאשץ
די לעצטע צוויי מלמדים — חלומות

געבוירן און דערצויגן אין זאַמאָשץ, מוז איך, אום זאַמאָשץ צו זען, פאַרטריבן ווערן דריי מייל ווייט — קיין שעבערשין.

ערשט אין דער הילצערנער שטאָט (די איינציקע מויער איז דעמאָלט געווען דאָס פּריצישע איינקונפטס הויז אין מיטן מאַרק — אַן איינפאַר־הויז, טראַקטיר און קלייטן צוזאַמען); ערשט אין ני־דריק־געבויטן, שינדל־ און אויך שטרוי־געדעקטן שעבערשין, פלאַנצט זיך און שטעלט זיך אויף, פאַר מיינע פייכט־פאַרבענקטע אויגן, מיין געמויערטע, דריי־שטאָקיקע, אייזן־ און דאַך־ציגל־גע־דעקטע היים, וואָס ציט זיך נישט אוים אין דער לענג, „ווי אַן אָפּ־געשטאַנענער פיש", נאָר מוז, צווישן וואָלן געדרענגט, וואַקסן אַרויף צו דער הייך.

איך האָב געמוזט באַקומען צו זען דעם אומגעלומפּערטן היל־צערנעם שטאָט־זייגער אין שעבערשין, — איך זאָל דערפילן די גאַנצע הויכע פּראַכט פון מיין היימישן זייגער־טורעם, וואָס קראַצט, ווי מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, די וואָלקן!

שוין אויפגעזעסן בין איך אַ פאַרחלומטער...

מען האָט מיך איבערגעגעבן אַ שעבערשינער ייד, וואָס האָט מבטיח געווען, אַז ער וועט מיך בשלום צושטעלן צו ר'פּנחסלען אין שטוב אַריין, — איך זע אים נישט; פאַרנעפּלטע אויגן האָב איך. איך פיל אים נאָר מאָגער — אַזוי פיל פלאַץ האָט ער מיר איבער־געלאָזט אויפן געזעס, שאַרף־ביינִיק — אויב ביי אַ וואָגן־באַוועגונג אונזערע עלנבויגנס שטויסן זיך צוזאַמען. און הויך, — זיין שטימע קומט אין מיין אויער אַריין פון דער הויך. דאָס אויער מיינס איז אָפן: איך האָב נישט געזען, ווער עס איז אַראָפּגעקומען פון דער

היים צו דער פיר, נאָר איך האָב געהערט, ווי דער ייד האָט גע־זאָגט:

— זאָרג נישט (בלשון דו — אַ היימישער ייד!) ריוועלע, — עלי יועל צוארי.

און זיך צום פורמאַן ווענדנדיק:

— וויאָ!

די פור רירט. קולות: פאָרט, לחיים ולשלום! געמישטע: יונגע און אַלטע. דער טאַטע:

— און זיי אַ מענטש...

קלאַפּט דער וואָגן איבערן ברוק פון גאַס, פאַלט אַריין אין שאָטן פון קלויסטער, נעמט זיך לינקס, אַריין אין טונקלקייט פון שעברעשינער בראָם; אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. ווערט באַלד שטילער; שוין שאָסיי.

הייסט עס: איך פאָר קיין שעברעשין. לערנען ביי ר׳פּנחסלען! ווער ר׳פּנחסל איז און וואָס ער איז, ווייס איך נישט. אפשר האָט מען מיר אויסגעזוכט אַ תלין? איך דערפיל אַ ביטערקייט אויף דער צונג. און אינעווייניק הער איך אַ שטימע:

— שאַד נישט!

שעברעשין איז מיר נ י ש ט פרעמד... די שעברעשינער יידן רופט מען שעברעשינער „פלאַכטעס". פאַרוואָס, ווייס איך נישט, ווי איך ווייס נישט, פאַרוואָס מען רופט די ניישטעטער: „לעשני־קעס" און אונז — „זאַמאָשצער פרעסער"; נישט אַלע זענען דאָך מומע־פריידלס, וואָס באַקט שטענדיק קעז־קיכן... ביי אונז אינדער־היים עסט מען אַלע טאָג קאַשע מיט יויך...

פון שעברעשין האָב איך אפילו פיל געהערט. זאַמאָשץ האָט באַשטענדיק מגע ומשא מיט שעברעשין. פאַרענגט, ווי געזאָגט, צווישן וואַלן, אַלס געוועזענע פעסטונג, וואָס לאָזט זיך נישט צע־שפּרייטן, האָט זאַמאָשץ נאָך היינט איר פּאָסט־אַמט אויף דער ניי־שטאָט, און דעמאָלט — דעם אַלטן סאָנד (סוד, געריכט) אין שעברעשין. דאָרט זיצט דער אַסעסאָר, וואָס פּסקנט אי דיני ממו־נות, אי דיני נפשות און האָט צו שאַפן איבער טויט און לעבן. פון זאַמאָשץ פירט מען צו אים אין קייטן גנבים... פון טאָמאַשאָוו וואָס ביי דער גרענעץ, אָפטערטנדיק אין זאַמאָשץ — ביים פּאָוויאַט ווו מען מאַכט נאָך אַמאָל אַ פּראָטאָקאָל — קאָנטראַבאַנד, אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך פון גרענעץ־זעלנער אין גרינע לאַמפּאַסן... פון הויף פון פּאָוויאַט האָט איינמאָל דודל גנב, אביגדור מלמדס פאַרלאָזטער

יתום, אראָפּגעגנבעט פון דער פור, אין דער וואַכס אויג, אַ פּעקע־לע זיידנצייג און באַפרייט אַ ייד, אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ פאָטער פון אַכט קינדער, פון תּפיסה. דעמאָלט האָט די שטאָט אים אַלץ מוחל געווען; געגלעט איבערן היטל, געקניפּט, פאַר דער קונץ־שטיק, אין בעקל. און נישט איינער האָט געזאָגט:

— קום צו מיר אַריין נאָך אַ העמד.

קיין שעבערשין פאַרט אָפט מיין חבר יצחקלס פאָטער פּ. ג.

פּ. ג. איז אַ מושלם און אַן אפּיקורס, אויף וואָס די וועלט שטייט; און ער האָט עס בירושה, זיין פאָטער איז שוין אויך געווען פון די לייט...

זיין זון פּ. ג. שטייגט אים נאָך איבער.

גאַנצע מעשׂיות פאַרציילט מען פון אים, די אויערן ווערן פול.

זענען די מעשׂיות וועגן פּ. ג. וואָר? מען פאַרציילט אַזויפיל נישט אמת... און איך קען פרעגן מיין חבר יצחק. היינט — אַרצט אין זאַמאָשטש, און ער וואָלט מיר באַלד געענטפערט דעם אמת. איך וויל עס נישט טון.

פּ. ג. איז אַן אפּיקורס: שפּייט נישט אויס ביי „עלינו", היפּט איבער די מלאכים פון שופר־בלאָזן, בלייבט שטיין ביי „כורעים". און איר ווייסט, וואָס ער טוט אינדערהיים? דאַוונט שחרית, אין טלית ותּפילין, זאָגט שמונה עשׂרה, און זיך איילנדיק צו פאָרן קיין שעבערשין, פּוצט ער זיך אין איין וועגס מיט באַרשט און שוואַקס די שטיוול... אויפן טיש שטייט שוין ברויט מיט פּוטער מיט קאַווע, און אַז דאָס מעסער איז שטומפּיק, שאַרפט ער עס אָן אָן דער רצו־עה... כּפּרות שלאָגט ער נישט, הושענות — אויך נישט. און קען דווקא גאַנץ תּנ״ך פון אויסנווייניק.

און — אַן אייזערנער מוח... און אַ מלומד פון זיך אַליין. האָט איינמאָל צופעליק געקויפט אין מאַרק ביי אַ שכורן גוי, פאַר אַ צענערל אַ פּוילישן קאָדעקס, און האָט זיך אויסגעלערנט „פּראַווע מיט פּויליש צוזאַמען", אַזוי אויך — געפונען, ערגעץ אויף אַ בויי־דעם, אַ פראַנצויזישע מאַטעמאַטיק, און אויסשטודירט פראַנצויזיש מיט חשבון צוזאַמען; דער פון וואַרשע געקומענער לערער לאַכט אַפילו אין די פויסטן. באשר בכן — דאָס פראַנצויזישע לשון, רעדט מען, נישט ווי עס שרייבט און דרוקט זיך, און פּ. ג. לייענט דברים כּהוויתן... לאַכט מען אויס אויפן לערער. ער קען פּלאַפּלען פראַנ־צויזיש מיטן אַפּטייקערס ווייב; און דער קען טאַקע חשבון.

— איר שפּילט אייך מיט פּ. ג.?!

איינמאָל איז מען צוריקגעקומען און פאַרציילט, ווי אַזוי פּ. ג. האָט זיך אַרויסגענומען אַ שלעכטן צאָן. נ י ש ט געגאַנגען צום רופא. פּ. ג. האָט פיינט אַרויסצוּוואַרפן געלט! גענומען אַ גרויסן נאָגל, אַריינגעשלאָגן כמעט ביזן קעפּל אין גרויסן טיש אַריין. גענומען דערנאָך אַ קורץ שטריקל, איין עק פאַרקניפּט ביים נאָגלס קאָפּ, גענומען אַ האַמער און נאָך אַ זעץ אין קאָפּ אַריין, ער איז אַריין אין בלאַט פון טיש. דערנאָך אַרומגעבונדן מיטן צווייטן עק פון שטריקל דעם שלעכטן צאָן... שטייט ער אַזוי אַ ווײַלע איינגעבויגן איבערן טיש — אַ שפּרינג אונטער, דער צאָן — אַ שפּרונג אַרויס...

אפילו זיך נישט אויסגעוואַשן דאָס מויל און גענומען די משנה, און געזאָגט...

חשבון קומט אים ווייניק צונויף. יורי האָט אים בעסער געדינט, געגעבן פּרנסה, נישט די גאַנצע; דאָס ווייב האָט עפּעס אַ געוועלבל. אָבער ער פירט גאַנץ אָפט פּראָצעסן, שרייבט „פּראָשבעס". פאַרט צום אַסעסאָר קיין שעבערשין. אין דעם פאַך איז ער אַ גרויסער בעל־נצחון, טרעט נישט אָפּ. דער אמת מוז אַרויס, ווי בוימל אויפן וואַסער. קיין פאַלשן פּראָצעס וועט ער נישט אָננעמען; די ערלעכקייט אַליין. האָט ער, פאַרציילט מען. געפירט 12 יאָר נאָכאַנאַנד אַ פּראָצעס וועגן אַ פונט פוטער. די פּראָצעסן־קאָסטן האָבן דערגרייכט ביז 600, זאָג אַרויס: זעקסהונדערט גילדן; „אַזויפיל, וויפיל עס האָט געקאָסט דאָס הינטל וואָס דער (רייך־געוואָרענער) פעלדשער האָט געקויפט ביים סמאָטריטעלס פּלוניתטע"... וועלכער צד עס האָט געזאָלט די קאָסטן באַצאָלן, ווייס איך נישט...

סיי־ווי־סיי, פאַרציילט מיין חבר יצחקל גאַנץ אָפט:

— מיין טאַטע איז געפאָרן —

און עפּטער:

— מיין טאַטע איז געגאַנגען קיין שעבערשין...

פּ. ג. פירט זיך פּראָסט, נאַטור־מעסיק.

„אַ ייד — זאָגט ער — דאַרף זיין געזונט, ווי אַ פּויער". און אים — זאָגט דער עולם — איז זייער לייכט צו זיין געזונט: „כאַפּט זיך אויף ביינאַכט, און כאַפּט אַריין אַ מאָן־קיכל". (מען מיינט: אַ גאַנצע חלה) און — אומגעוואַשן! גייט דער ייד דריי מייל קיין שעבערשין צופוס...

— ס'טייטש ר'פּ., אין אייערע יאָרן — דריי מייל...

— איך גיי צו פוס נאָר אַ וויאָרסט...

— און דערנאָך?

— דערנאָך — נאָך אַ וויאָרסטע און נאָך אַ וויאָרסטע... און אַזוי ביז ער קומט קיין שעבערשין.

און גיין גייט ער אויפן וועג — באָרוועס, מיט די שטיוול אויף אַ שטעקן איבער די אַקסל, דער שאָסיי האָט שאַרפע שטיינדלעך. אַ פיס היילט זיך אַליין אויס, אַ שטיוול מוז מען שיקן צום שוסטער! און שפרינגט! מאַרשירט, ווי אַ זעלנער אין פראָנט, און קאָמאַנדירט זיך אַליין:

— ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ!

ווייס איך, אַז איך פאָר אויף פ. ג.ס וועג.

און קוים אַזאַ טראַכט געטון, דערזע איך אים! ווער איך אי־נערלעך פאַרגאַפט, ווי שאַרף און בולט איך זע אים! אָט גייט ער... גלייך מיט דער פור. עפעס טראַכט ער... די ברעמען — די לאַנגע, די געלע און שטעכעדיקע — איבער די אויגן אַראָפּ. איך האָב קיינמאָל זיינע אויגן נישט געזען, און ווייס נישט, וואָס פאַר אַ קאָ־ליר זיי האָבן געהאַט... נישט ב אַ ה אַ ל ט ן האָט ער זיי, אַן אָפענער מענטש געווען, — אַן אָפענער, גערעכטער און פעסטער מענטש! — נאָר אַזוינע לאַנגע, געלע, שפּיציקע ברעמען געהאַט, וואָס האָבן נאָך לענגערע שאָטנס געוואָרפן;

דערווייל גייט ער, מאַרשירט ער... אַ קורץ, פעסט יידל, די פאָלעס פאַרקאַשערט. די הענט — רעכטס, לינקס, רעגלמעסיק גע־וואָרפן, נאָר קאָמאַנדירן קאָמאַנדירט ער זיך נישט.

טו איך עס פאַר אים, הייב אָן:

— ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ!

מיין הויכן שכנס קול:

— פע!

„אַ יינגל פאָרט צו ר' פנחסלען, תורה לערנען... ווייסט, קונדעס איינער, ווער און וואָס אַזוינס ר' פנחסל איז? ר' פנחסל איז אַן אַלטער קאַצקער...“ — — —

...איך פאָר קיין שעבערשין! וואָס איז, פאַרשיקט האָט מען מיך? דער טאַטע האָט מיך געלאָזט? די מאַמע — פיינט געקריגן?! איך בין אינדערהיים! אויף דער סאָפע ליג איך, ביים פענסטער.

אָבער פאַרוואָס ליג איך? מן הסתם — קראַנק. יאָ, די פלייצעס ברעכן מיר אַזוי. עס מוז אָבער נישט זיין געפערלעך, דער טאַטע איז רואיק אוועקגעגאַנגען צו קבלת שבת, און די מאַמע נעמט זיך צו בענטשן ליכט. אַ שיינע צוויי פאָר זילבער לייכטער מיר האָבן.

דער עיקר די הויכע פֿאָר, די מיט די רייזעלעך און קנײדעלעך... די מאַמע בענטשט ליכט ערנסט, אוי, ווי פֿרום מײַן מאַמע איז! און דאָך בין איך זיכער, אַז זי קוקט אויף מיר פֿון צווישן די פֿינגער... אַזוי, גלײַך, קוקט זי נישט... קוקט און שמייכלט אַוודאַי... אָט, שטייט זי שוין בײַם צווייטן פֿענצטער... ליכט אָפּגעבענטשט און קוקט אַרויס דעם טאַטן. לכבוד שבת: אין שטוב אין דער טערקי־שער שאַל; די לאַנגע אויערינגלעך ציטערן איר אין אויערן. ווייל אָפּוואַשן די פֿאַרהויכטע שויב, דערמאָנט זיך: שבת, און טוט עס נישט. אין גאַס איז פֿינסטער, און דעם טאַטן וועט זי דערקענען אינעם גאַנג... פֿאַרוואָס קומט נאָך דער טאַטע נישט? שטיקער ליכט שוין אָפּגעברענט... פֿאַררעדט זיך אַוודאַי... קלויבט זיך אַן אורח צום טיש... און אָט — עס עפֿנט זיך די טיר...

— גוט שבת, גוט שבת! דער טאַטע — פֿריילעך. נאָך אים דער אורח — עפּעס גרילעכציק און גרעבלעך. די מאַמע ענטפֿערט שטיל: „גוט שבת, גוט יאָר“, און גייט איבער דער שטוב און שטעלט זיך מיר צוקאָפּנס. איך ענטפֿער נישט, מיר האָט דער טאַטע קיין „גוט שבת“ נישט געזאָגט, ער האָט מיך נישט געזען! זאָל ער זיך דערמאָנען און פֿרעגן, ווו לייבוש איז. ער פֿרעגט נישט, מאַכט קידוש. קוקט אויף מיר, און רעדט נישט אַ וואָרט. איך בין קראַנק, און ער מיינט, איך שלאָף. קוקט מיט גרויס באַרמהאַרצי־קייט. ער וואָלט געקרעכצט, נאָר שבת... עס מוז מיר זײַן ערגער דעריבער שטייט מיר די מאַמע צוקאָפּנס. פֿאַרוואָס לייגט זי מיר נישט די האַנט אויפֿן שטערן? זי וועט עס טון, זי מוז עס טון. אַנישט וועל איך מיך צעוויינען! — דערווייל וואַשט 1) מען זיך; דער טאַטע, דערנאָך — דער אורח. נעמט ער, דער אורח, אונזער גרויסע, שווערע, צוויי־אויערנדיקע פּולע קופּערנע קוואָרט אין איין האַנט אַרײַן, גיט מיטאַמאָל אַ גאָס אויף דער צווייטער, — שעפּט אָן פֿון פֿעסל, טווישט די הענט — ווידער מיטאַמאָל אַ פּולע קוואָרט וואַסער. און אַזוי דריי מאָל... בײַ אונז טראָגט וואַסער דאָס קראַנ־קע, קליינע אייזיקל, וואָס איז מפֿרנס מיט וואַסער־טראָגן אַ ווייב מיט אַכט קינדער, און נעמט מען בײַ אונז נישט פֿון דער קאַן, נאָר פֿאַר דער וואָך; דאָס פֿעסל טאָר נישט זײַן ליידיק... מאַכט די מאַמע, וואָס שטייט מיר צוקאָפּנס, שטיל צו זיך, נאָר איך הער:

— פֿרום אויף אייזיקלס חשבון!

1) פֿרומע ייִדן וואַשן זיך צום עסן מאַכנדיק אַ ברכה. — רעד.

דעם טאַטנס „אַ וועלט זעצט מען נישט איין", און דער מאַמעס: „פרום אויף אייזיקלס חשבון" — די צוויי זאָמען, די צוויי קערנדלעך, וואָס מען האָט מיר, אין דער יונגער נשמה אַריינגעוואָרפן, זענען קיינמאָל נישט פאַרלוירן געגאַנגען. שטענדיק שטיל און באַהאַלטן, געשפּראָצט און אין אַלע מיינע זאַכן אויסגעשפּראָצט...

דערווייל אָבער עסט מען אָן מיר.

בין איך ווירקלעך אַזוי קראַנק?...

אָבער, איך פאַר נישט קיין שעבערשין! קראַנקערהייט אוודאי נישט! ווי די פּלייצעס ברעכן, אָבער צו וואָס שעבערשין? קיין שעבערשין פאָרט ר' זלמן דער שענקער. צום ברייהויז, הייוון באַשטעלן... דינגט ער ביי ישראל זשדאַנאָווער די פור. מוז מען דאָך פאָרן אָדער מיט דער פּאָסט אָדער מיט א י י ג ע נ ע פערד, אָדער אָפּצאָלן שטייער פאַר נישט נוצן די פּאָסט... שיקט ער אין מאַגיסטראַט אַריין, אויף דער ניי־שטאָט אַרוים, און לאָזט זיך ברענגען אַ צייגניש, אַז עס זענען זיינע אייגענע פערד. דער שומר וועט צולייגן נאָז און אויגן צום חותם מיט דער חתימה און פּרווון, און אפשר נאָך אַ פרעג טון: אפשר געפעלשט? און ר' זלמן שענקער וועט דער מוטערס מילך אַנטרינען, — שיקט ער דעם אייגענעם שליח נאָכאַמאָל אויף דער ניי־שטאָט און קויפט אוים אַ דערלויבניש צו פאָרן אויף אַ געדונגענער פור... און איז זיך מיישב: און שיקט צום דריטן מאָל אויף דער ניי־שטאָט אַרוים און לאָזט זיך ברענגען די פּאָסט...

דאָס פאָרט ער קיין שעבערשין...

מען טראָמפּייטערט — טראַ־טראַ־טדאַ...

און, אינמיטן טראָמפּייטערן:

— טפּרו—ו—ו! — — —

*

אָנגעקומען...

דער לאַנגער ייד כאַפּט זיין פּעקל און ווערט נעלם אין דער פאַרשאָטנטער הילצערנער פּאָדציענע 1), צווישן קלייטן, שטעלן און שרייענדיקע וייבער... ר' פּנחסל, האָט זיך אויסגעוויזן, איז נישט אינדערהיים...

---

1) אונטערן שאָטן. — רעד.

מיך מיטן קעסטל נעמט אַראָפּ די רביצין. אַ שוואַרצע, האַריקע, הייך־געוואַקסענע יידענע...

זי נעמט מיך אַראָפּ, מיך מיטן קעסטל, רייסט אונז ביידע קוים אַרויס פון צווישן אַ קרענצל ווייבער, וואָס האָט זיך שוין אַרום אונז פאַרזאַמלט... פון די ווייבער פליען צו מיר ווערטער:

— ר׳ יודלס... ריוועלעס... זון... עלטסטער זון... אַהערגעשיקט... מן הסתם — סחורה! צו ר׳ פנחסלען — ער וועט אים שוין מאַכן פאַר אַ לייט... אַ שאלה... אַ יינג בוימל...

— אָבער, וואָס פאַר אַן אויגאַנעם! זעט! זעט! —

לאָז איך די אויגן אַראָפּ, און די רביצין פירט... און זי פירט מיך אַריין אין אַ פאַרשאָטנטער שטוב, נאָר אַ טיר מיט אַ פענ־צטער אויף דער טונקעלער פאָדציענע אַרויס... אין שטוב, קוים איך דערזע — קוימען־אויוון, אַ טיש און אַ לאַנגע באַנק, אַ פּאָר בענקלעך... ביי די ווענט — זעק... זעק... גראָע, ווייַנענדיקע ווענט. זעק מיט קאַרטאָפל, פון איינעם אַ ביסל אויסגעשיט... הויפן ציבעלעס, מייערן... זי ציט מיך ווייטער, אין אַ נאָך פינסטערער שטוב אַריין, וואָס ציט איר ליכטיקע חיונה דורך אַן אָפענער טיר אין ערשטן צימער אַריין, און האָט נאָך אַ פאַרמאַכטע טיר צום אַלקיר...

— ר׳ פנחסלס אַלקיר, צינד פאַרנומען... מיין טאָכטער, נעבעך... מיט גאָט זיין הילף... געזונט אָפּפאָרן די טעג... ר׳ פנחסל וועט קומען... אין אַלקיר וועסטו לערנען מיט אים תורה...

דאָס קול איז אויך שוואַרצלעך און האַריק, און פאַרגעסט נישט צוצוגעבן:

— ליכט, יינגעלע, וועסטו קויפן...

און גיט עפּעס אַ ווישן שמייכל אין דער פינסטער:

— נישט אמת, יינגעלע, די מאַמע האָט דאָך דיר מיטגעגעבן קליין־געלט...

און דרינגענדיק:

— יאָ?

— יאָ, יאָ! — זאָגן אָבער קען איך נישט, קלינג איך מיט דער האַנט אין קעשענע.

— אַסך, אַסך... נו, יינגעלע, דערווייל זעץ דיך... ביסט דאָך מיד פון וועג. אָט דאָ יינגעלע! ד אָ ס בענקל שאָקלט זיך נישט... זי זעצט מיך.

— און דאָ, זעסטו ביי דער וואַנט, צווישן דער שאַנק און דעם פעסל וואַסער. דאָ וועט זיין דיין געלעגער, איך וועל דיר פיין אויס־

בעטן. און דערווייל איז אָט זעסטו, אַ שיסעלע ציבלקעס, ערשט גע־מאַכט; געוווסט, דו קומסט. און רעטעך אַביסעלע, שוויצן פון זאַלץ... עס, עס... איך לויף נאָר אָקעגן דעם דאָקטאָר, ברענג איך דיר נאָך אַ גלאָז מילך... אָט אַן אייער־קיכל. זאָלסט דיך נישט דאַרפן וואַשן.

זי פאַרשווינדט. דער הונגער טוט זיינס, איך וויל אויך „פאַר־עסן" דאָס קרעכצן פון אַלקיר... איך עס, און די טרערן רינען מיר פון די אויגן איבער די באַקן אין שיסעלע אַריין... אָבער — פאַר־וואָס האָט מען עס מיך פאַרטריבן פון דערהיים? וואָס האָב איך אַזוינס געזינדיקט? — איך וויל נאָכקלערן, דערמאָנען זיך, פאַר־טראַכט זיך און קען זיך נישט דערמאָנען. פאַרטראַכטערהייט, אויפ־געגעסן דאָס גאַנצע שיסעלע, עס וועקט מיך אַ שרעקלעכער דורשט. געוויינט שוין אַביסל צו דער פינסטערקייט, דערזע איך אויפן טיש אַ גלאָז מילך. מיין איך, די רביצין איז שוין געווען, געבראַכט, און איך האָב נישט געהערט. כאַפּ איך, טרינק אויס.

— — — — — — — — — — — — —

ווייסט שוין שעבערשין פון מיין משוגעת, פון מיין פאַרהלומט־קייט, טון אַלץ קאַפּויער. און ווער עס וויל, נעמט אין בית המדרש אַ שטיקל קרייד, מאַכט אויפן טיש אַ ראָד, אין מיטן ראָד — אַ פינטעלע. אַרום ראָד שרייבט מען אויף אַלע מעלות טובות, וואָס אַ מענטש קען האָבן: אַ גוטער קאָפּ, אַ גוט האַרץ, אַ גוט אויג... און אין מיטן, ביים קליינעם פינטעלע — „מעשוגע"...

„אַביסל משוגע וואָלט נישט געשאַדט, נאָר, אַז דאָס משוגעת איז אין דערמיט און אַלע מעלות אַרום, — איז אַלץ משוגע"...

דערווייל איז דאָס ווייבל געזונט געוואָרן, אָפּגעפּאָרן געזונטער־הייט. ר' פנחסל — געקומען, דעם אַלקיר פאַרנומען.

ליכט צו באַלייכטן דעם אַלקיר נעמט מען ביי מיר; נישט ער, די רביצין... יעדעם מאָל זאָגט זי: „ר' פנחסל זאָל וויסן, וואָלט ער מיר די קאָפּקע אָפּגעריסן..." איך באַמערק, אַז ער איז „צום גראָם", און בין איר מוחל... אָבער לערנען אין אַלקיר לערן איך זייער זעלטן. ביי טאָג איז ר' פנחסל דאָס מיינסט פאַרנומען מיט בוררותן... פאַרט אַמאָל אויף אַ טאָג אין אַ בוררות ערגעץ אין אַ דאָרף, צי אין אַ נאָענט שטעטל אַריין. ביינאַכט האָט ער אין אַלקיר התבודדות, טרעט אויף און אָפּ, אָדער זיצט און שרייבט „חדושי תורה"...

און דער עיקר לערנען איז פאַרטאָג...

און ער טוט זיך זיינס ביי מיינע ליכט אין אַלקיר גאַנצע נעכט,

און מיר שאַפט ער אַ חבר, צו לערנען פאַרטאָג אין בית-המדרש... אַהיים דערפון שרייב איך נישט. ערשטנס — פויל צום שרייבן בריוו, ביזן היינטיקן טאָג! צווייטנס — עס שמעקט מיט מסירה! דריטנס, אַז „זיי“ האָבן מיך אַוועקגעשיקט, איז נישט זייער דאגה... פאַראַן נאָך אַ פערטנס — און דאָס איז דער עיקר — איך בין אים דאַנקבאַר פאַרן חבר. דעם עלטערן חבר האָב איך ליב באַקומען אהבת נפש. מיט פרייד כאַפ איך מיך אַראָפ, פיר פאַרטאָג, פון געלעגער. און לויף צום חבר... און וואַרט אָפ זיין קומען מיט יונג-האַרץ-קלאַפעניש! אַ יונגערמאַן, וואָס דערמאַנט מיך מיין פעטער שמואל-לייבוש מיט די בלויע, טאַנצנדיקע, דינע אָדערלעך ביי די שלייפן. יענער האָט אויך ליב צו לערנען פאַרטאָג. איך בין אַמאָל קראַנק געלעגן ביי דער באָבען אין דער גרויסער שטוב. און יעדן פאַרטאָג זיך איינגעהערט, ווי ער לערנט, שטיל, שטיל-זינגנדיק. דער יונגערמאַן, מיין חבר, לערנט אויך האַרציק. די שטימע — ווייך, סאַמעטן, פאַרגנבעט זיך אַזוי צום האַרץ. און שוואַרצע, שוואַרץ-גלאַנצנדיקע פאות, געלאָקטע האָט ער. און כאַפט אָפט אַן עק פאה אין מויל אַריין, דורך די רויט-זאַפטיקע ליפן, צווישן די מילך-ווייסע ציין. און אויגן אונטערן שטערן, היינט וואָלט איך געזאָגט: „פייכט פאַרבענקטע“, דעמאָלט: „אַזוינע גוטע, גוטע“... „גוט“ און „טרויער“ איז דעמאָלט ביי מיר דאָס זעלבע. און באַקן עטוואָס געלבלעכע, פאַרשאָטנטע, נאָר מיט אָפגלאַנצן פון די „גוטע“ אויגן... איינמאָל, לויפנדיק אַזוי פאַרטאָג אין בית-המדרש אַריין, האָב איך דערזען אַ „רוח“. ער האָט זיך געוויגט אין דער לופט, אַראָפהענגנדיק פון אַ פענצטער אין אַן אַלט הויז... „נישטאָ קיין רוח“, ווייס איך! דאָס האַרץ אָבער קלאַפט, דאָס בלוט פולסירט אָבער — איך זע דאָך פאָרט... דאָס האַלט מיך נישט אָפ. איך לויף פאַרביי, נישט צום מקום קדוש, נישט צו „זבחים“, — איך ווייס איצט באַשטימט — צו מיין „חבר“... זיינע אויגן רופן מיך... שפעטער האָט זיך אויסגעוויזן: עמעץ האָט אַרויסגעהאָנגען אַ העמד צו טריקענען... אָבער מיין שרעק, און דער לוין פאַר דער שרעק — זיין צערטלעכקייט!...

שטיי איך אויף, ווי געזאָגט, פיר פאַר טאָג, און ביינאַכט שלאָף איך זייער שלעכט. דאָס פעסל-וואַסער קילט מיר דעם קאָפ; וויל איך איבערדרייען דאָס געלעגער; מי שוואַרצע רביצין פאַטשט מיט די הענט:

— אַזאַ משוגעת, מיט די פיס צו דער טיר וויל ער ליגן...

שלאָף איך און שלאָף נישט, און הער אַלץ, וואָס אַרום טוט זיך. הער איך, ווי ר׳ פּנחסל גייט אויף און אָפּ אין זיין אַלקיר, אָדער סקריפּעט מיט דער גענזענער פּעדער איבערן פּאַפּיר אָדער שטעלט זיך אַרויף אויף אַ בענקל און זוכט אַ ספר אין הענגענדיקן וואַנט-שענקל... געוואָלט אַרויסגעבן אַ ספר מיט פּשטלעך פאַר בר-מצוהס און חתנים...

די רביצין קלאָגט זיך אַמאָל:

— ער זאָל מיר עס אַמאָל צוהעלפן צו דער אַרבעט...

און ער ענטפערט אין דער דריטער פּערזאָן:

— זאָג איר, אַז איך וועל מיין ספר ענדיקן, וועל איך איר קויפן פּערל...

און אָפּט באַקום איך צו הערן, ווי די רביצין רעכנט זיך, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, מיט שכנות, מיט וועלכע זי האָט גע-קויפט און פאַרקויפט בשותפות אַ מציאה...

הייבן הייבט זיך עס אָן שטיל, זייער שטיל... גלייך שטילע פּיערלעך צישן, שלענגלעך וואַרפן זיך איבער צישנדיק און אַלע מאָל: „טסס... דאָס יינגל שלאָפט". אָדער: וועקט נישט דאָס משו-געתל", און „ר׳פּנחסל שרייבט תורה!" פּלוצלינג -- אַ הויך וואָרט, באַלד אַ גראָבס, און נאָך, און נאָך...

— „גנבטע, גנבטע"... אַ קללה אַ שאַרפע... און שטענדיק מיינט מען „מיין" רביצין... און: שאַ, שאַ!

זי גיט נאָך! איר געלט, זייער נשמה! לאָמען נאָר איר פּנחס-לען נישט וועקן... און דעם „תכשיט", וואָס קען אַהיים שרייבן אַ בריוו..

און עס ווערט רואיקער... און נאָך די חשבונות — גלאַט אַ גע-רייד... מען געניצט, און עס פּעדעמט זיך אײַן אַ שמועס. דאָס מערסט רעדט די רביצין, וואָס זיצט ביים קוימען-אויוון, נישט ווייט פון טיר און מיין געלעגער. און רעדן רעדט זי גאַנץ אָפט פון מיר...

דעמאָלט ווער איך אינגאַנצן וואַך. עס אינטערעסירט מיך. איך ווער פון איר זייער פיל געוואָר און דערמאָנט.

זי רעדט, שטריקנדיק אַ זאָק, אָדער צערינדיק אָן אַלט בגד. אַנדערע טוען דאָס זעלבע: מען גייט נישט פון שטוב אַרויס, אָן אָן אַרבעט אין בוזעם. און אַלע אינטערעסירן זיך מיט מיר, מיטן „תכשיט", מיטן „משוגעת", מיט די „גרויסע, ברענענדיקע אויגן". „ווי ברענענדיקע חבדלות", האָט איינע פאַרגלייכט; איך האָב עס געטומען אין „מאַניש" אַריין. און די רביצין רעכנט אויס

מיינע שגעונות. פֿאַרציילט, ווי איך רייס אַלץ פֿון מיר אַראָפּ. ווי איך שלייף אָפּ די אָפּצאַסן פֿון שטיוול. „אפֿילו דאָס היטל צערייסט ער"...

— אַ וווּנדער! אַז אַ יינגל לויפֿט אַרום גאַנצע טעג... ר' פּנחסל איז דאָך שטענדיק אַ פֿאַרטראַכטער, אַזאַ למדן! און איידער ער קוקט זיך אום, והילד איננו. זוכט מען, ווו געפֿינט מען אים? הינטער דער שטאָט. ווו איז ער דער בחור? ביים וואַסער, אויף דער לאָנקע אויסגעצויגן. קוקט אין הימל אַריין אָדער מיטן פּנים צום גראָז... אָדער רוקט זיך ביז צום ראָד פֿון דער וואַסער־מיל און „אַז ער גיט אַ קאַלער זיך ווייטער? און אַז אַ קי, וואָס פּאַשעט זיך, וועט אים געבן אַ כאַפּ אויף די הערנער? — ווער וועט זיין שולדיק?"

— און מיינט איר — גייט מען איבער, נישט אָן גדלות, צו מיין אָפּשטאַמונג! — מיינט איר „אַבי ווער? — פֿון אַ שטיין? אין גאַס געפֿונען? פֿון פֿאָטערס — ר'יודלס צד — אויסגעוווייקט אין תורה, אין גדלות, אין עשירות, ביז צום רביז ר' העשל!.."

אַ שפּרונג, ווייל פֿון דעם צד נישט „באַהאַוונט". פֿאַר דאָס — אויספּירלעכער פֿון דער מאַמעס צד, — זאַמאָשץ! —

און איך ווער געוואָר (אויב אמת), אַז מיין עלטער זיידן פֿון דער מאַמעס צד האָט מען גערופֿן „דער סטאַראָסטער". „ר'לייבוש סטאַראָסטער"; איך הייס נאָך אים — דער משוגענער לייבוש! און פֿאַרוואָס האָט מען אים גערופֿן סטאַראָסטער? ווייל ער האָט זיך געפֿירט ווי אַ סטאַראָסטאַ, ווי אַ שררה! געהאַט זיך זיין באַזונדערע שטוב, נישט קיין אַלקיר! רויט־געפֿאַרבטע טיש און בענקלעך, געטראָגן זיידענע זאָקן, גערעדט דייטש ווי אַ וואַסער, און אַז עס איז געקומען דער שררה זאַמאָיסקי, דער אָרדינאַט, וואָס האָט זאַמאָשץ געבויט, פֿלעגט ער אים רופֿן און רעדן מיט אים פּה־אל־פּה. און נישט: „סלוכיי זשידקו!" נאָר מיט גרויס דרך־ארץ...

און די עלטער־באָבע האָט אַ געוועלבל געהאַט, אַ גרויס געשעפֿט פֿון קאָלאָניאַל סחורה, טאַקע מכל טוב און — מעבר לים... סחורה פֿון לייפּסק: היינט האָט דאָס געשעפֿט בירושה מיין פֿעטער אינם האַרטן קאַפּעליוש. און אין דעם געוועלב — הערט, וואָס אַ יידענע אַ צדיקות קען! — זענען געווען אָפּגעטיילט צוויי שופֿלאָדן: איינס מיט ראָזשינקעס, דאָס צווייטע מיט מאַנדלען, פֿאַר אָרעמע לייט. דער גאַנצער פּדיון — אויף צדקה! און קומט אַריין אַן אייגן קינד און וויל אַ ראָזשינקע, קריגט עס איבער די הענטלעך; מוז עס

אַריינוואַרפן אין באַזונדערן שופלעדל פאַר אָרעמע לייט אַ גראָשן... אַ פּרוטה... (דעמאָלט נאָך פּרוטות געגאַנגען).

און ווערט שטיל, אָדער איך דרימל עטוואָס פעסטער איין, בויט זיך אויף פאַר מיר „מיין" און מיין זאַמאָיסקים זאַמאָשץ — דאָס קליינע פּאַריז. און, ווי דערמאָנט, אויסגעמישט מיטן עלטערן זאַמאָשץ, פון וועלכן איך האָב קינדוויז געהערט.

און איך זע זאַמאָשץ נאָך אַלס פעסטונג אין איר מאַכט, פּראַכט און קרומגעוואַרפענער שרעק... אַרום — נישט פּאַרלאַזטע, נישט אָפּגעשיטע, נישט אָפּגעשטאָכענע וואַלן; צווישן וואַלן און וואַלן — פּאָסן מיט וואַסער; טיף, קלאָר וואַסער... אַ זעלנער, פון אַ דאָרף אין טיף רוסלאַנד, האָט זיך אַמאָל אַהיים פאַרבענקט, אַנטלאָפן פון קאַזאַרמע, געוואָלט אַריבערשווימען דאָס וואַסער, צו שווערע שטיוול געהאַט, און — דערטרונקען געוואָרן. אַרום, אויף די וואַלן — אַרמאַטן, קאַרטעציען, דריי און פיר עקן מיט קוילן, — מען טאָר אויף זיי נישט ווייזן מיט אַ פינגער! עס גייט אויף און אָפּ אויף דער וואַך אַ באַוואָפנטער זעלנער, און גיט מען אַ ווייז מיט אַ פינגער — „פּיף-פּאַף", געשאָסן, און ס'קומט אַזוי!

אינדערפרי בלאָזט אַ טראָמפּייט, עפּנט מען. פאַרנאַכט שפּילט מען „זאָרים" — פאַרמאַכט מען... די לובלינער בראָם איז ווי-זאַ-ווי צו די בית-המדרש-פענצטער... צווישן דער וואַך אין דער בראָם איז פאַראַן אַ זעלנער, אַ קאַנטאָניסט 1) אַ גאַנצן טאָג ליגט ער אין דרויסן, מיט די אויגן פאַרקוקט און די אויערן אויסגעשפּיצט צו די בית-המדרש-פענצטער צו... נאָך זאָרים, אַז די וואָך גייט אויף און אָפּ, פאַרגנבעט זיך דער קאַנטאָניסט אין בית-המדרש אַריין און זעצט זיך לערנען...

און איבער די „וואַסערן" פון די פּאָסן, הינטער אַלע דריי בראָמען, — דריי אייזערנע הענגל-בריקן אויף קייטן... פאַרן עפענען די בראָם לאָזט מען זיי אַראָפּ, פאַרן פאַרמאַכן, ווערן זיי אויפגעהויבן...

פּלוצלונג ענדערט זיך דאָס בילד, און איך זע „שעלמיגוזען", אַ פאַרזינדיקטן אינמיטן מאַרק... איך בין נאָך אַ קינד, גיי אַהיים

---

1) אין דער צייט פון רוסישן צאַר „ניקאָלאַי דער 2טער", פלעגט מען כאַפּן קליינע יידישע ייִנגלעך און אָפּגעבן פאַר זעלנער. זיי האָבן שפּעטער געדינט אין מיליטער 25 יאָר. די זעלנער האָבן געהייסן „קאַנטאָניסטן". — רעד.

פֿון דרדקי־חדר און קען אַהיים נישט קומען. „מען וועט שעלמעווען"...

אין מיטן מאַרק שטייט אַ טיש, אויפֿן טיש ברענט, אין עפּעס אַ כּלי, אַ פֿייערל. אויפֿן טיש שטייט דער האַלב־נאַקעטער פֿאַרזינדיקטער... ביי אים — דער היצעל (הונט־שלעגער, תּליון), ער האַלט מיט דער לינקער צו דעם זינדיקן, און אין דער רעכטער — אַ הילצערנער שטול פֿון אַ חתימה, וואָס גליט אין פֿייער... עפּעס אַ מיאוס שרעקלעך וואָרט שטייט אויף דער חתימה. גנבֿ, צי רוצח... איך געדענק נישט... אַרום טיש — דער גאַרניזאָן מיט דער מוזיק, אַרום מיליטער מיט דער מוזיק — עולם... שטאָט־לייט. „מיעשציאַנעס" פֿון די פֿאָרשטעט — קינד און קייט, אפֿילו פּויערן מיט פֿויערטעס, וואָס זיינען צופֿעליק פֿון דאָרף געקומען. דער מאַרק — געפּראָפּט. פֿול קעפּ — די פֿענצטער, פֿול — דעם אַפּטייקערס באַלקאָן... קליינע מענטשעלעך — אויף די דעכער, אַרום די קוימענס. דודל גנבֿ קריכט אַרויף אויף אַ בלעכענע רינע... מען באַמערקט עס:

— די רינע וועט זיך אָפּרייסן!

שפּרינגט ער אַראָפּ ווי אַ קאַץ...

פּלוצלונג — אַ שטילקייט פֿון פּאַר שופֿר בלאָזן. דער היצעל כאַפּט אַרויס די חתימה, די מוזיק גיט אַ שמעטער, די חתימה ווערט צוגעלייגט צום זינדיקנס שטערן, דערנאָך — צום נאַקעטן עלנבויגן...

ווערט מיר פּלוצלינג קאַלט, כ'צי אַרויף די קאָלדרע, איך ציטער אינגאַנצן, עפּעס אַ האַנט (אַ האַרטע, דער רביצינס!) טאַפּט מיר דעם שטערן...

— פּנחסל, פּנחסל... היץ האָט ער!

— — — — — — — — — — — — —

געזונט געוואָרן, צום זמן איז קיין סך נישט געבליבן, שיקט מען מיך אָפּ. ר'פּנחסל דאַרף סיי־ווי־סיי פֿאָרן כּשרן מילך אויף פּסח. און אַזאַ תּלמיד דאַרף ער נישט. פֿון מיין קרענק אָבער פֿאַרציילט מען נישט, און מען שיקט מיך אָפּ מיט אַ גאַנץ פּעקל מסירות. „עס איז פֿון מיר נישט אויסצוהאַלטן. אמת משוגע". פּאַקטיש, וואָס מען האָט געמסרט, געדענק איך נישט. עס האָט מיך באַלד נישט אינטערעסירט, אָבער וואָרט ביי וואָרט פֿאַלש. מיך צו פֿאַרטיידיקן האָב איך קיין צונג נישט אין מויל. דער טאַטע שרייט אַ ביסל, וועט ער זיך אויסשרייען. די מאַמע וויל אַ ביסל וויינען, וואַרפֿט אָבער אויף מיר אַ בליק, זעט מיין רואיקייט און ציט צוריק די טרערן.

אין בית־המדרש רעדט מען אַ ביסל. דערנאָך אינטערעסירט מען זיך מער צו וויסן, וואָס און ווער ר' פּנחסל איז... איך ווייס נישט, וואָס צו זאָגן. כמעט אים נישט געזען אָדער פאַרגעסן.

— וואָס האָט ער מיט דיר געלערנט?

דאַכט זיך גאָרנישט...

און עס גלוסט זיך נישט דערמאָנען. גוט, אַז אויסגעלייזט, פריי געוואָרן...

אָבער נישט אויף לאַנג, „וועסט לערנען אינדערהיים" — (שלעכט!) „אַ פּאָר שעה אין טאָג" (אַ!) ביי ר'אברהם יהושע... דו און... — מען רופט מיר אָן אַ חבר, מיט וועלכן איך האָב ווירקלעך אַ קורצע צייט געלערנט, און קען מיך איצט בשום אופן נישט דערמאָנען, נישט מיין חברס נאָמען, נישט זיין געשטאַלט, און נישט וואָס מיר האָבן צוזאַמען געלערנט.

ר' אברהם יהושע איז פריער דיין געווען. פאַרוואָס אויס דיין געוואָרן? אַז איך פרעג, פאַרשווייגט מען.

קומט אָבער צו „קענטעניש", קריכט שוין זיין גאווה אַרויס פון דער שייט אינגאַנצן.

שפּראַכן? הבלים! ווען ער זאָל וועלן קענען אַ שפּראַך, נעמט ער אַ ווערטערבוך און לערנט עס אויס. אין אַ חודש צייט, אויסנווייניק, קען ער די שפּראַך...

— און אייערע חכמות!

— רבי, ווי אַזוי, למשל, קען מען וויסן, ווי ווייט עס איז פון אונז די זון?

חוזק!

„מען נעמט אַ ליכט, מען מעסט אויס די הויך מיט דער ברייט — דעם גאַנצן פאַרנעם פון פלעמל. דערנאָך נעמט מען און מען רוקט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך פון זיך אָפּ דאָס ליכט, למשל: אויף ד' אמות, און מען מעסט איבער... זעט מען, אַז דאָס פלעמל איז, אויף ד' אמות, אויף אַזויפיל און אַזויפיל קלענער געוואָרן, ווייסט מען, אַז אויף ד' אמות ווערט אַ פלעמל אויף אַזויפיל און אַזויפיל קלענער. טיילט מען דאָס מהלך צו דער זון אויף ד' אמות, אַ פּשוטער חלוק, און מען טאָפּלט מיט דער צאָל פון קלענער ווערן... אַ פּשוטער כפל"...

פּלאַצן מיר אויס מיט אַ געלעכטער.

— און ווי מעסט מען דעם מהלך פון דער זון?

— אויך פשוט, און נעמט אַ שמעק טאַביק. — אַ פשוטער חש־בון, נאָר פאַרקערט... אַז מען ווייסט, ווי גרוים די זון איז און ווי קליין זי זעט אוים, דאָס מעסט מען שוין מיטן אויג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס הילכט אַ ניי געלעכטער. באַליידיקט, פאַרשווייגט ער און נעמט זיך צום לערנען.

א בילבול — אברהם מאנים

די השכלה, אַז זי וועט זיך באַווייזן, וועט ביי אונז קיין אַסי־מילאַטאָרישע פאַרבן נישט טראָגן.

קליין פאַריז איז אַ באַזונדער, שאַרף־אָפּגעגרענעצט וועלטל.

עס פאַלט גאָרנישט איין, זיך מיט עמעצן צו מישן, און עס איז נישטאָ מיט וועמען!

אַ באַזונדער יידיש־באַלעבאַטיש קעניגרייך. אַ פיר־עקיקער מאַרק (הינטערגאַסן קומען צו שפּעטער) מיט אַ שתי וערב פון צוויי ברוקירטע גאַסן. שטעלט איר אייך, למשל, אינמיטן שטאָט, אויפן פונקט, ווו די ברוקירטע גאַסן לויפן זיך צוזאַמען, מיט געזיכט צום מאַגיסטראַט מיטן זייגער־טורם, — האָט איר אַרום זיך די גאַנצע, שאַרף־אָפּגעגרענעצטע, רואיק־באַלעבאַטישע מלוכה.

האָט איר פאַר זיך אַ שמאָל געסל צום טאַרג; פון טאַרג — אויך אַ שמאָלס, צו דער לובלינער בראַם.

רעכטס, עטוואָס הינטער זיך — די לעמבערגער בראַם... אַמאָל — נאָענט געווען לעמבערג. היינט דאַרף מען אַן אויסלענדישן פּאַס, אַהינצוקומען. מיר זענען יוצא מיט טאָמאַשאָוו, פון פאַר דער גרע־נעץ, א י ן ד ע ר ר ע ז י ד ע נ ץ פ ו ן „ש מ ע י ש ר א ל“.

צווישן ביידע בראַמען, און אין איבערן וואַל — קאַזאַרמען. קאָשאַרן גרויסע, פעסטע, מיט רויטע ציגל באַזעצטע, געדעקט מיט אייזן.

לינקס, פירט די ברוקאַוואַנע גאַס צום שלאָס. אַ גערטל, פון דער שטאָט זייט — פון הינטן — דרייקאַנטיק אַרומגעמויערט מיט הייזער, ווו די אָפּיצירן וווינען. צוויי דורכגענג, נישט זייער צוגענ־גלעכע, צווישן די הייזער, ביי די ווינקל, וואָס פירן צו אַ פּאַסע אַראָפּ, צום צעך־הויז, צום פּלאַץ פון קוילן און אַרמאַטן, און דאָס

אַלץ לויפט צו צום קאַסעמאַט ביי דער שעבערשינער בראָם, וואָס איר האָט הינטער זיך, לינקס, — אויף דערזעלבער, האַלב-רונדער ליניע. — דאָס שמאָלע וועגל, צום סמאָטריטעלס הויז, צום טייך; דער אָפיצירן-קלוב. פאַרן קלוב — די רייטשול, און ווייטער — ביז דער לעמבערגער בראָם ווידער — וואַלן, קאַזיאָנע געביידן א. ד. ג. אַרום געקריידט...

ווען מען האָבן מיר אין שטאָט פון פאָליאַקן?

דעם אַפטייקער, וואָס פאַרקויפט מיט אַ שטיל-שטאָלצער איינגעהאַלטנקייט פון אַן אָפגעקומענעם שררה — מעדיקאַמענטן און זיצט זיך, אויב ער האָט צייט, ביי זיך אויפן גאַניקל אין מאַרק אַריין, און בלעטערט אַ בוך מיט בילדער פון אַלט-פוילישע מלכים. זענען די שויבן-טירן אין שטוב אַריין אָפן, הערט זיך פון דאָרט אַ פיאַנע. דאָס ווייב און צוויי טעכטער שפילן. און שפילן נישט שיין. — דער זון זיינער, וואָס וועט אים אַמאָל פאַרטרעטן, שטודירט נאָך ערגעץ.

דער קוימענקערער-מייסטער, וואָס וווינט אין הייזל מיטן גרויסן הויף לעבן דער רייטשול; פאַרברענגט די ווינטער-אָוונטן שפילנדיק מיטן ווייב אין קאָרטן. זעצט און פלאַנצט פרילינגס-צייט זיין גערטל אין הויף. און באַווייזט ער זיך זומער אַ מאָל אין מאַרק, אויף דער פאָדציענע, בליען אים די אייגעלעך, רויטלען זיך די בעקעלעך, און מאַכן מאַכט ער טריטלעך, ווי אויף ריסאָרן; ווייכע, האַלב-רונד געהויבענע, — ווייכט מען אויס; האָט אַ שוואַכקייט —זיך צו קושן! רעדט אַ פאָר ווערטער יידיש.

דעם דאָקטאָר סקשינסקי, דעם גוט-האַרציקן, נאָר לעכערלעך צאָרניק-שוימענדיקן אַלטן „אינטעליגענט“, אויך — אַ ווייב און דריי טעכטער, און ער אַליין — אויסגעוועפט. נאָכן עקזאַמען דאָס בוך פאַרמאַכט און מער נישט געעפנט. פאַרזאָרגט זיין פאַך, געדענקט אויסנווייניק, קומט אין שפיטאָל אַריין, גייט דורך צווישן די צוויי רייען בעטן, וואַרפט אַ בליק, הייסט ווייזן און באַקוקט די צונג, — רעכטס, צוריקצוועגס — לינקס, און לאָזט זיך אין קאַנצעליי אַריין. דער פעלדשער — נאָך, קומט צום טיש, פאַרשרייבט מיט אימפעט עטלעכע דרייסיק רעצעפטן מיטאַמאָל און — „מאַש, פשאַקרעוו“; גיט איבער דעם פעלדשער...

וואָס עס איז געשען אין דער מעדיצין נ אָ ך זיין עקזאַמען, — נישט זיין זאַך. שפעטער, אַז מיין רייכע קאַלטע מומע, מיט די בריליאַנטן אין די אויערן, מיטן קעלנערל, אויסגענייט מיט פערל,

י. מ...ם קליין שמייכלדיק ווייבל, וועט קראַנק ווערן, און מען וועט אַראָפּברענגען אויף אַ קאָנסוליום אַ באַרימטהייט פון וואַרשע, און די באַרימטהייט וועט אויסהערן דאָס האַרץ, — וועט זיך סקשינסקי נישט איינהאַלטן מיט אַ געלעכטער:

— קאָלעגאַ, דו גלויבסט אויך אין די שוואַרצע קונצן? ווען מען נאָך?

איך געדענק נישט מער. אַ שבת-גוי? דאַכט זיך, גאָר אַ שבת-גויע...

עפּעס אַ „לאַפּיי“ — אַזוי רופט מען אַן אַלטע, נישט-גאַנץ-ביים-שכלדיקע, גראָע, אַזוי-גערופענע „לאַפּיי“, וואָס גייט איבער דער שטאָט נישט אויפן גאַנצן געשטעל פון פוס, נאָר אויף די שפּיץ-פינגער, מיט די פוס-באַלן קאַפּויער, מיטן גראָען קאָפּ, וואָסערדיקע אויגן און האַלב-אָפענעם מויל, מיט צוויי קרומע ציין, און מיטן קאָפּ אַרויף, גלייך — צום הימל מיט אַ טעמפּע טענה: צו וואָס האָסטו מיך באַשאַפן? צו וואָשן פּאָדלאָגעס? — בין איך אָבער נישט זיכער, צי איז לאַפּיי נישט קיין יידיש קינד...

וואָס נאָך? אויף דער לאַנגע פּאָדציענע זיצן אַלטע גויעס, ביי שטעלן פון דינע. שוואַרצע קעלבאַסעס און חזיר-פּעטס... אין דער טיף פון דער לינקער פּאָדציענע צום מאַגיסטראַט — אַ קריסטלעך הויז פאַר אַלטע; שיטן זיך אַמאָל פון דאָרט אַרויס אַלטע גויעס (מענער זעט מען נישט), געהויקערטע, בלינדלעכע, געבויגענע, שוואַרץ-געקליידעטע, מיט שוואַרצע ציפּקעס אויף די קעפּ, שוואַרצע קרייצן אויף דער ברוסט, שוואַרצע „פּאַציאַרקעס“ אויף שוואַרצע שנירלעך — אויפן האַלז. און עס גייט און שטאַפּערט, און ברומט עפּעס בייזלעך, און מורמלט עפּעס — צום קלויסטער צו און צוריק...

אַן אַפּטער גאַסט אין שטאָט איז: „דיעדע“. אַ מולער פון פאַר-שטאָט. אַ הויכער, שטענדיק שיכור, שטענדיק שלעכט געגאָלט, אַ האַריק געל פּנים, ווי אַן ערשט אָפּגעשניטן פעלד, — גייט איבער די פּאָדציענעס, מיט די פאַרנעפּלטע אויגן, עפּעס אין דער לופט זוכנדיק, גלייך, פאַר זיך, און קרועה-בלועה אָפּגעריסענע לייוונט... שטאַפּערט מיט די לאַנגע קרומע פיס, איבער וואָס עס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע, פאַרציפּעט מיט די אומגעלומפּערטע הענט בייגל און אויבס אויף די שטעלן, און שילט מיט שוים איבערן מויל, און קיינער הערט נישט ווען.

רעכטע פּריצים האָבן מיר נישט. אַן אָרדינאַט זאַמאָיסקי, ווייזט

ער זיך נישט... קומט, זאָגט מען, אַמאָל אויף „קבר אָבות“ אין ווייסן קלויסטער אַריין, וווּ זיי ליגן אין אייזערנע, שטאָלענע, בראָנז און זילבערנע טרומנעס אין די קעלער, און הענגען אינדערזייך אין קלויסטער אַלס פּאָרטרעטן אין דעליעס, מיט אַ מין שטריימלעך אויף די קעפּ און געלע שטיוול אויף די פיס. אָפּט קומען זייערע פּאָסעסאָרן 1). אַמאָל, זאָגט מען, זענען עס יידן געווען, איינציקווייז אַרויסגעשטופּט, איין י. מ. ביי אַ פּאָסעסיע געבליבן. קומען זיי אַמאָל אויף רייט- און פעלד-וועגעלעך, קויפן עפּעס איין, מענער — אין די אייזן-געשעפטן, די פרויען — אין קאָלאָניאַלהאַנדלען, אַמאָל אויך אין איינציקן מאָדע-מאַגאַזין, וואָס עס האַלט אַ יידישע אַלמנה און — עסן אַמאָל אַ מיטאָג אין ק—נס ווייןהאַנדל אויף דער „ברוקאָוואַנע“ גאַס.

בלייבט דאָס פויערן-פאָלק אַרום, וואָס קומט זונטיק אויפן מאַרק, זונטיק אין יעדער חגאָ נאָך אין קלויסטער אַריין. אַ שטיל אונטערטעניק פאָלק... ערשט פון דער „פּאַנשצינאַ“ באַפרייט; די אַלטע בענקען נאָך נאָך איר, ווי מיר אַמאָל, נאָך מצרים צום פלייש-טאָפּ, די יונגע — ווייסן נאָך נישט מיט דער פרייהייט וואָס צו טון. לעבן נאָך אונטער דער השפּעה פון די אַלטע, פון וועלכע מען קריגט נאָך פעטש, אויב מען גריסט נישט דעם פריץ מיטן קאָפּ צו דער ערד, אָן אַ היטל, צו די קניען צופאַלנדיק... אין שטאָט זענען זיי עפּעס אָפּהענטיק, אומרויק. געפערלעך ווערן די יונגעלייט נאָר דאַן, ווען זיי קומען צו דער „סוברעוויזיע“: צוגענומען, פון דאָרף-רעזשים באַפרייט, אין מיליטערישע נאָך נישט אַריין, — מאַכט מען „סוקצעסן“, אַ ריס אַ ייד ביי אַ פּאה, אַ כאַפּ אַ בייגל ביי אַ זיצערין, אויסגעהאַקט אַ שויב אין שענק... און ווידער שטיל און מיט דרך-ארץ פאַרן ייד, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געשטאַנען צווישן אים און דעם פריץ. אין דאָרף איז מען מיט מאָשקען „כל ולך“. אָן אים גייט מען צו קיין רופא נישט, ראָט מען זיך מיט קיין אַדוואָקאַט נישט, — און ער איז אויך אָפּט דער בורר אין דאָרף...

בלייבט דאָס מיליטער אין שטאָט.

דעם סאָלדאַט לאָזט מען אַפילו נישט איבער דער פּאָדציענע. „אַ מזיק, לקחנט מיט די אויגן“... די אונטעראָפיצירן, די פעלד-

---

1) מענטשן וואָס פלעגן אָפּדינגען גיטער אָדער שטיקער ערד ביי פּריצים. — רעד.

פּעבלס, שוין לייטישער, זיצן ביי מענדל שענקער אין באַזונדערן אַלקער און לאָזן זיך שמעקן די יידישע פּופּיקלעך מיט די העלזלעך, וואָס וועלן דאָרט געבראָטן. פּאַרטרינקען זיי מיט יי״ש. 1).

קיין „געזעלשאַפט" איז דאָס מיליטער נישט...

בלייבן די אָפיצירן...

מיט זיי האָט מען שוין מגע ומשא... זיי טרינקען ווײן ביי ק—נען אין וויין־הויז, צעברעכן נאָכן טרינקען די גלעזער קריצן אויס זייערע נעמען מיט די דימענטענע פינגערלעך אויפן גרויסן שפּיגל אין דער מאַכאָגעניער רעם, אויף די שויבן פון פענצטער. זיי באַרגן ק—נס קליינער, בלאַנדער, שטילער טאָכטער רוסישע ביכלעך...

סיי ווי סיי — אַ פרעמדע וועלט. און דאָך עס הויבט זיך אָן שפּינען אַ שטיקל באַציאונג... נישט חס ושלום קעגן פּאָליאַקן... פּאָליאַקן זענען מיר הייסע! ווי לאַנג איז, ווי מיר האָבן תהלים געזאָגט פאַרן נצחון פון דער צווייטער מרידה? — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

צווישן אונז און די רוסישע אָפיצירן שטעלט זיך אַ וואַנט און זי וואַקסט...

אין גערטל פאַרן שלאָס, וו די אָפיצירן וווינען, שטייט, צווישן די קליינע גרינע ביימלעך, די קאַסע פון פּאָלק. באַוואַכט, פאַרשטייט זיך, פון אַ זעלנער, אין שווערד און ביקס באַוואָפנט. קומט ווער אין זיינע ד' אמות — שיסט ער!

און איינמאָל, פאַרטאָג, מען קומט אים אָפּוועקסלען, מיין סאָלדאַט מיטן קיווער, מיטן גאַנצן געווער ליגט אין אַ זאַק געבונדן. די קאַסע — אויפגעבראָכן, דאָס אייזערנע קעסטל מיטן געלט — פאַרשוווּנדן!

דאָס אייזערנע קעסטל געפינט דעמזעלבן טאָג אַ פויער הינטער דער שטאָט, אויפגעשלאָגן און אין גראָז אַריינגעוואָרפן.

ווייס די גאַנצע שטאָט, וואָס דאָס אַלץ באַטייט:

דריי יונגע אָפיצירן פאַראָן — מאַכן חובות... שטעלן אויס וועקסעלעך... צום טערמין טוישט מען די וועקסעלעך... און אַזוי לאַנג ווערט געטוישט, ביז מען מוז אַמאָל צאָלן...

פאַר זיי האָט זיך דער טשאַסאָוואָי, אַ פרישער סאָלדאַט פון קאַסטראָמאַ, אַ פויערן־יונג — געקאָנט דערשרעקן...

---

1) אַ שטאַרקער געטראַנק. — רעד.

די שטאָט ווייסט, אָבער נישט דער שלאָס! בפרט, אַז איינער פון די דריי לעב־יונגען איז דער אודיטאָר אין פּאָלק.

דעם קאָסטראָמער גבור וואַרפט מען קודם־כל אין קאָסעמאַט אַריין... איבערן וועג פאַלן אויפן האַלב־דערשטיקטן, פאַר שרעק האַלב־טויטן סאָלדאַט קלעפּ ווי האָגל, מיט די שווערדן, מיט די קאָל־בעס — פאַרשוועכט דעם כבוד פון גאַנצן פּאָלק! פון דער גאַנצער אַרמיי! דער שלאָס קלערט אַליין: וואָס טוט מען? און דער סאָל־דאַט שוין צוויי טעג אויף ברויט און וואַסער, נאָר אָן ברויט און וואַסער... און ערשט צום דריטן טאָג באַווייזט זיך אונזער אודיטאָר אין דער באַגלייטונג פון סאָלדאַטן מיט ריטער... מען שמייסט, און דער אודיטאָר פרעגט און פאַרשרייבט...

דער סאָלדאַט זאָגט: יידישע גנבים... געקומען פּלוצלינג... באַרוועסע... דעם זאַק פון הינטן פאַרוואָרפן... ער האָט זיי קיינמאָל פריער נישט געזען... נאָר יידן... באָרד און פּאות... און — —

פאַרגייט אינם בלוט...

אַלץ איינס, — אונטערשרייבן סיי־ווי־סיי נישט געקאָנט. דער אודיטאָר שרייבט אונטער און שיקט צום פּאָלקאָווניק דעם פּראָ־טאָקאָל...

שיקט דער פּאָלקאָווניק נאָך די סאָלדאַטן, וואָס זענען דערביי געווען.

— איר האָט געהערט?

— טאַק טאָטשנאָ!

— וואָס?

— ער האָט געשריבן...

— וואָס האָט ער געשריבן?...

— ניע מאָגים זנאַט! (מיר קענען נישט וויסן)

— נישט גוט געהערט?

— טאַק טאָטשנאָ (ריכטיק).

— און דער אודיטאָר האָט געהערט?

— ער איז עפּעס אַנדערש, אוטשאָני!

און שוין ביידזלעך:

— ער האָט געהערט?

— מן הסתם...

— זאָג בפירוש? שאַרף!

— טאַק טאָטשנאָ!

— שווערן דערויף?!

— אַז מען וועט הייסן...

— ערלעך שווערן?

— טאַק טאַטשנאַ...

בלייבט — „יידישע גנבים“...

גייט באַלד אַ פּאַפּיר צום מאַגיסטראַט: היות די קאַסע, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, האָבן באַגנבעט יידישע גנבים, זאָל דאָס מאַגיסטראַט תיכּף ומיד צושטעלן די אַדרעסן פון אַלע יידישע גנבים אין שטאָט...

ענטפערט דער מאַגיסטראַט: נישטאָ! געווען אַ יינגל דודל, נעלם געוואָרן. נאָך אַ יינגל, באַגנבעט אַ געוועלבל מיט באַקאַליען, — זיצט ער תפוס אין שעבערשין... אויסער אויף דער ניי־שטאָט...

— זאָל זיין — ניי־שטאָט.

מאַכט מען אַ רשימה... שיקט מען נאָך די פאַרצייכנטע, ברענגט מען זיי פון דער ניי־שטאָט אין קייטן, און מען וואַרפט זיי אַריין אין פינסטער־נאַסן קאַסעמאַט אין וואַל...

קומען באַלד ווייבער און קינדער אין שטאָט אַריין מיט אַ געוויין... באַרואיקט מען זיי, דער אמת וועט אַרויס, ווי בוימל אויפן וואַסער, נישט אַמאָליקע צייטן!



י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן

גייט אָבער אַזוי אַוועק אַ וואָך, און עס לאָזט זיך פּלוצלונג אַרוים אַ קול:

— מודה געווען!

נישט מעגלעך... קומט אָבער צו די אויערן: געגנייט!

אויף הייסע, אייזערנע פּליטעס באַרוועס געלאָזט... אונטער די נעגל געברענט... נעגל פון די פיס מיט צווענגלעך געריסן... האָר פון די ברעמען געצופּט...

ווייטער אַ ילדה פון ווייבער און קינדער...

שווייגט מען שוין נישט. שרייבט מען פּראָשעניעס. ווער שרייבט? אונזער אַדוואָקאַט פּ. ג.

שרייבט ער פּויליש, שיקט מען צוריק... שרייבט ער רוסיש, קען ער ווירקלעך קיין רוסיש נישט, שיקט מען ווייטער צוריק...

רופט מען מיין לערער... ער וויל נישט, ער טאָר נישט... גיסט מען אַריין אַ כוסע, אַ צווייטע, אַ דריטע אַ געמישטע, אַ פערטע — אַ געמישטע מיט עפּעס צוגעמישט. מיין לערער צעוויינט זיך אויף אַ קול. כאַפּט זיך קושן... ער וועט שרייבן. ער האָט אונז ליב דאָס לעבן און ער שרייבט...

דעם צווייטן טאָג — דער שרייבער נעלם געוואָרן... מען האָט אים מער נישט געזען. אָבער די פּראָשעניע האָט געפּועלט. געקומען אַ פּריקאַז פון העכער: נאָכאַמאָל איבערפרעגן די תפוסים, איבערפרעגן אין מאַגיסטראַט, און דערביי זאָל זיין דער רב פון שטאָט...

זענען זיי זיך מודה, אין קעגנוואַרט פון רב, ר' משה וואל: זיי האָבן דעם זאַק פאַרוואָרפן, די קאַסע באַרויבט... דאָס קעסטל אויפגעהאַקט אונטערגעוואָרפן...

און ר' משה וואל מוז אונטערחתמענען...

און ער קומט אַראָפּ פון מאַגיסטראַט, און מען פרעגט אים:

— וואָס הערט זיך, ווי זעען זיי אוים?

צעוויינט ער זיך, ווי אַ קליין קינד...

מוז מען שוין עפּעס טון, זיך נעמען צו דער זאַך. מען מוז דאָך דערגיין, מיט וואָס מען האָט אויף זיי אַזאַ שרעק געוואָרפן... לאָז נאָר קומען י.מ. פון וואַרשע, ער וועט געוואָר ווערן... אָבער אסיפות מאַכט מען, קלערן קלערט מען, טון עפּעס מוז מען...

פּלוצלונג אַ נייע מעשה:

אַ קול לאָזט זיך אַרוים אין שטאָט, מען ווייסט נישט פון וואַ-

נען, נאָר אויף זיכער — איינער פון די יידן איז געשטאָרבן אין קאַסעמאַט!

און מען ווייסט שוין אויף קלאָר, אַז יציאת נשמה איז געווען נאָך פּאָר עטלעכע טעג... זיי ווילן אים נישט אַרויסגעבן. אויס מורא, מען זאָל נישט זען, וואָס מען האָט אים געטון. זיי ווילן, ער זאָל פאַרפוילט ווערן... און אפשר וועלן זיי אים ערגעץ אין אַ הייל אַריינוואַרפן, צי אין וואַסער, — דער ייד וועט גאָר צו קבר ישראל נישט קומען! און מען ווייסט שוין, ווער עס איז דער קרבן: משה! און אין אַלע גאַסן שטייט איין קול: משה! משה! משה! און נישט אָפּ-געֶרעדט, מיטאַמאָל אַלט און יינג, קינד און קייט, מענער און ווייבער, — אַ לאָז זיך געטאָן צו דעם קאַסעמאַט! און איין געשריי, איין יללה:

— גיט אונז אָפּ, דעם בר מינן! 1)

שטייט אַן אָפיציר ביים קאַסעמאַט, שרייט ער:

— משה לעבט...

און רופט אין קאַסעמאַט אַריין: זאָל ער זיך באַווייזן! און אין שמאָלן קאַסעמאַט-פענסטערל אין דער הייך באַווייזט זיך משהס קאָפּ, אַ לעבעדיקער —

מען גלויבט זיך קוים, שרייט מען צו אים אַרויף:

— מאַך מיטן מויל, מאַך מיט די אויגן.

ער טוט עס. איז נאָך ווייניק:

— שריי אַרויס אַ וואָרט.

ער מאַכט מיט די ליפּן, הערן הערט מען נישט... קיין כוח נישט צו רעדן... אָבער אַבי ער לעבט, מען גייט אַהיים מיט אַ פרייד: ער לעבט, ער לעבט...

אין דעמזעלבן טאָג גייט אַ דאָקלאַד קיין לובלין:

— יידן אַ בונט געמאַכט, באַפאַלן דעם קאַסעמאַט, געוואָלט אויפרייסן... געמוזט זיי ווייזן די גנבים... געוואָלט זיי מיט גוואַלט באַפרייען... אַ מערכה — דער און דער אָפיציר... קריגט דער אָפיציר אַ דאַנק, ווערט פאַרגעשטעלט אויף אַן אָרדער: און אין שטאָט ווערט איינגעפירט קריגס-צושטאַנד. נישט מאַכן קיין רעדלעך, מער ווי צוויי צוזאַמען נישט גיין... נאָך אונטערגאַנג פון דער זון — די לאָדן פאַרמאַכן, אין גאַס זיך נישט ווייזן... קיין אסיפות נישט מאַכן, נישט אין בתי-מדרשים נישט אין הייזער... און קאָזאַקן אויף פערד

---

1) דעם טויטן.

רייטן אַרום אַלס פּאַטרולן מיט נאַגייקעס... ביינאַכט — טאָפּלטע פּאַטרולן... באַווייזט זיך ווער — מיט נאַגייקעס אין קאָסעמעאַט אַריין... פיל ווערן אײנמיטן גאַס באַפאַלן אויך בייטאָג און באַזוכט. געפינט מען עפּעס אַ צייכן וועגן ענין — מיט נאַגייקעס, אין קאַ־סעמאַט אַריין... אַ שרעק באַפאַלט...

לויפט מען אין בית־המדרש אַריין תהילים זאָגן. — מען צע־טרייבט מיט נאַגייקעס... ווייבער לויפן איינרייסן די שול — קאָ־זאַקן רייטן אָן, רייטן אַרויף מיט די פערד... מען רייסט אַראָפּ די קאָפּקעס, די שאַלן, און ווערן נעלם... פון דער ניישטאָט לויפט מען אויפן בית עולם אַרויף. זאָלן זיך די טויטע מיען... אַרויסגעלאָפן שטילערהייט, ביינאַכט, אין אַ פינסטערער נאַכט, צוגעפאַלן צו דער ערד, מיט די מיילער צו די מצבות, פאַרשטיקטע יללות... דער שלאָס דערהערט, אַרומגערינגלט דאָס בית עלמין, איינציקווייז אַרויסגעלאָזט פון טויער.

זיי האָבן מורא פאַר טויטע!

אָן אויסגעשטאָרבענע שטאָט... און י. מ., די איינציקע, די לעצטע האָפנונג, קומט אַלץ נישט... טייל זאָגן: קראַנק, אַנדערע: מורא צו קומען...

און אין דער טויטער שטילקייט דערהערט זיך:

— אַ פעלד־געריכט געקומען...

אַ פאָר טעג שפּעטער:

— ווידער מודה געווען...

— געפּסקנט — תליה! 1)

— אַוועקגעשיקט דעם פּסק צום באַשטעטיקן...

דערמאָנט מען זיך:

פאַראַן דאָך ערגעץ יידן, וואָס האָבן אַ דעה! וואָס קענען, וואָס מוזן העלפן!

אָבער ווי קומט מען צו זיי? די בראָמען — טאָפּלט באַוואַכט, קיין פּעסער גיט מען נישט; קיין אויסלענדישע וועט מען געוויס נישט געבן... קיין דעפּעשן וועט מען נישט אָננעמען, און ווער עס וועט גיין מיט אַ דעפּעש, וועט אַריינפאַלן אין קאָסעמאַט...

זאָל זיך עמעץ מוסר־נפש זיין, אַריבערכאַפּן די גרענעץ אין טאָמאַשאָוו. דריי מייל אינגאַנצן, פון דאָרט קיין לעמבערג, פאַראַן

---

1) הענגען.

דאָרט אַ פּרעדיקער לעווינשטיין, פון דאָרט טעלעגראַפירן צו משה מאָנטיפיאָרע קיין לאָנדאָן, צו קרעמיע קיין פּאַריז 1)...

— ווער וויל זיך קויפן עולם-הבא, זוכה זיין אין אייביקן לעבן?

געפונען זיך אַזוינער...

אברהם מאַנים — זיין נאָמען.

ווער איז ער?

אַן אַלטער ייד, קרוב לשמונים, קלייבט זיך שוין לאַנג צו פאָרן שטאַרבן קיין ארץ-ישראל, נאָר זוגתו ראַניע תחי' וויל נישט. זי וויל נישט און קען נישט איבערלאָזן דאָס זאַמאָשצער בית-עולם, וווּ זי האָט איר גאַנצע משפחה... און אָן ראַניען וועט אברהם מאַנים נישט פאָרן...

און שפּעטער מיט אַ צוויי יאָר, אַז ער האָט איבערגעדייבערט, און זי פאָרט מיט אים, איז זי אים פון צפת, ווו זי האָט אים איבער-געגעבן אין זיכערע הענט אריין, אונטער די הענט אַוועקגעקומען, אַהיים, צו איר בית-עלמין אַנטלאָפן... צוגעפאַלן איז זי צום בית-עלמין מיט אַ פרייד און אַ געוויין, די ערד געקושט און געקושט, קוים מען האָט זי אָפּגעריסן...

ביי די זייטן האָבן מיר זיך דעמאָלט געהאַלטן!

און ער, דער אַלטער בטלן, וועט פאָרן...

און ער איז געפאָרן...

די „אויסאַרבעטונג" וועגן עניין, וואָס מען האָט אים איבער-געגעבן פאַרן פּרעדיקער לעווינשטיין, און אין וועלכער איך האָב אויך אַ חלק געהאַט, האָט מען אים אין העמד פאַרנייט... דורך בשלום די בראָס... אַריבער בשלום, אָן אַ פּאַס, די גרענעץ —

אין דריי טאָג אַרום:

— בטל דאָס משפט!

די אָפּיצירן האָט מען שפּעטער געזען אין וואַרשע, אָן עפּאָ-לעטן, אפילו אָן שטיוול... אָפּגעריסענע...

— — — — — — — — — — — —

---

1) משה מאָנטיפיאָרע און קרעמיע באַרימטע יידישע שתדלנים, וואָס פלעגן זיך באַמיען, אַז יידן זאָלן אין ערגעץ קיין עולות נישט געשען. — רעד.

השכלה.(1 — ר׳ משה וואל. — אין וואלד. — דער גארטן. — טויט־שרעק

עס קומט קיין זאַמאָשץ צו י. מ. אין הויז אַריין — יעקב רייפמאַן, דער גרויסער אַפּיקורס. מיין פעטער, וואָס וועט זאַמלען מיינע כתבים — טראָגט זיך דייטשמעריש, נישט גאָר קורץ, אָבער נישט איבער די קניען. (צוויי מאָסן געווען: ביז צו קניען — דייטשמעריש. גאָר קורץ, אַז מען זעצט זיך און די מאַרינאַרקע רירט קוים אָן מיט די זוימען דאָס געזעס — עכט דייטש). פאָרן דורך בראָדער זינגער, קומען זיי צו אים, זינגען... ביי אים איז דאָ אַסך קליינע ספרימלעך אין אַ „גלעזערנער“ שאַנק. צווישן אַנדערע: ד״ר עטינגערס „סערקעלע“, זיין „קוגל“. און דעם אַלטן ר׳ זלמנל הויז? ער אַליין — אַ פּאַרצייטישער פּליישיקער ייד. אין אַ ברייטן טיזליק, אין דער האַנט — אַ שטאָק מיט אַ זילבערנע גאַלקע, גייט (צוזאַמענמאַכנדיק נדבות) מיטן שטאָק פאָרויס, דער שמש טראָגט נאָך די זילבערנע פּושקע... זיין ווייב (איר נאָמען האָב איך פאַרגעסן), אַ יידענע מיט אַ דריי־גאָרנדיקן גוידער, נישט קיין געלעבערטע אויערן; די „געהענגען“ — לאַנגע ברילאַנטענע אויערינג — באַמבלען זיך אויף זיידענע פעדעם פון שטערנטיכל אַראָפּ, און אין זייער הויז: אַ גערטל אינמיטן הויף, אַ הילצערנער גאַניק, וואָס לויפט אַרום שטאָק, פאָרהאַנגען אין די פענצטער. און הינטער די פאָרהאַנגען (איז לינדער דאָס וועטער — אויפן גאַניק, זומער־צייט — אין גערטל, אויף אַ באַנק אַרום דעם איינציקן בוים אינדערמיט, אינמיטן קראַנץ פון אַלערליי בלומען אַרום), זיצט אַ טאָכטער אַן אַלמנה, צוויי מיידלעך און לערנען פראַנצויזיש און לעזן דייטש „ווי

(1 אַ באַוועגונג ביי יידן וואָס האָט געפּרעדיקט וועלטלעכקייט. — רעד.

אַ וואַסער". עפּעס אַ גרויסע ביבליאָטעק דאָרט פאַראַן, שפּעטער האָב איך פון איר אַרויסבאַקומען אַ פיזיק.

און א... ל... טראָגט זיך שוין אַליין דייטש, עכט דייטש, וווינט אין עק שטאָט, רעכטס (פון מאַרק גערעכנט) צום אָפיצירן־קלוב, אין אַ באַזונדער הייזל, שוין מיט אַ גרויסן גאָרטן, הויך מיט ברעטער אַרומגעצוימט, און דורך די שפּאַלטן פון צווישן די ברעטער, אַז מען, גייט זיך באָדן, — עס איז ביים שמאָלן ווענל, — זעט מען ווי אין גאָרטן דרייט זיך אַרום זיין איינציקע טאָכטער, אַ הויקערל, וואָס שעמט זיך אַרויסצווייזן אין גאַס אריין און רייסט בלומען אָדער קוקט אריין אין אַ ביכל.

פאַראַן אין גערטל עפּל־ און באַרן־ביימלעך. — מיר קריכן נישט איבערן פּלויט. דורך־אַרץ און אָפשיי פאַרן קליינעם געבילדעטן הויקער און — פאַרן סמאַטריטעלס הינטל...

און ק..., דער וואָס האַלט דעם וויינהאַנדל, ווו די אָפיצירן טרינקען און פריצים פון אַרום — עסן און קויפן אַהיים וויין און באַקאַליע. פאַראַן דאָרט אַ פיין, בלאָנד „פּאַרצעלייען" מיידל, מיט זיידענע, לאַנגע, בלאָנדע צעפּ (זי וועט דערמאָנט ווערן), וואָס לעזט ביכער, געבאָרגטע פון פריצים און אָפיצירן.

און י. מ.׳ס הויז, ווו גרויסע אָפיצירן שפּילן קאָרטן, וואָהין דער גרויסער אַפּיקורס יעקב רייפמאַן וועט קומען אַלס לערער?! און — אַ היימיש מנין דאָרט פאַראַן, מער פאַר די קינדער; י. מ. אַליין איז דאָס מערסט אין וואַרשע. פאַרן עמוד אַלס חזן שטייט אַ היטלמאַכער, דער כאַר — זיינע ברידער, אויך היטל־מאַכער. נישט זייער קיין פרומע יידן. אַ ברודער האָבן זיי אַ שטיקל אַפּיקורס — אַ לערער פון קאַליגראַפיע, וואָס שרייבט יידישע שירים, אַלאַ עטינגער! איינער פון די „זינגער" וועט אין קורצן גיין פון דער וועלט, און זיי זאָגן אַלע „עברי!" נישט ליטוויש, דאָס וואָלט מען נאָך דעמאָלט נישט פאַרטראָגן. אַ ליטוואַק איז „אַ צלם קאָפּ". אַ ליטוואַק איז נאָך אַ יקר המציאות אין דער גאַנצער געגנט. אין זאַמאָשץ געווען איינער, אפילו גראָד אַ פיינער, גאָר אַ פיינער יונגערמאַן, טאַקע ר׳ זיינוולס איידעם, איז ער נעבעך אַוועקגעקומען.

זיי זאָגן פּוילישע עברי. שמחת תורה, די גבירה, און די גרויסע בריליאַנטן אין די אויערן, מיטן קעלנערל, מיט פּערל אויסגעשטיקט, איבערן האַלז — די גבירה שמייכלט ליבלעך און דערלאַנגט כיבוד: טאָרט, (איך מיין, איר שוועסטער און מיין באָבע

באַקט אים) ניס, ביר, צוקער־בראַנפֿן; עטוואָס ווײַן אויך. און זיי, דער חזן מיט די משוררים, זינגען לידער פֿון גאָלדפֿאַדן.

און דער מנין זאָגט קיין פּייט נישט. צו יזכור טרעפֿט זיך דער געמישטער, נישט פּאַריטומטער עולם, פֿון מענער־שטוב און פֿון דער ווײַבער־שטוב (די סאַלע) אין הויז. — יום־כּפּור איז מען זיך קעגנזײַטיק מכבד מיט האַרץ־טראָפּן, אָבער פֿריער מוז מען ווײַזן די צונג, צי מען פֿאַסט...

און דאָרטן דאַוונט קינדערפֿרײַנט, אַן אַלטער בחור, אַ געגאָל־טער, האָט אַ סידור און אַ מחזור מיט דײַטשער איבערזעצונג.

אמת, אין דערזעלבער געזעלשאַפֿט אַרײַן, אַז עס איז אַמאָל (איך געדענק שוין נישט, צוליב וואָס) אַרײַנגעקומען אַ געוויסער רפֿאל עסיקמאַכער, אַ שטאַמלדיקער ייִד, וואָס האָט אַן עסיק־פֿאַבריק, און וואָס איז ערשט געקומען פֿון ערגעץ, צוליב אַן אָפּעַ־ראַציע פֿון אויסלאַנד, און האָט פֿאַרציילט, בעיני ראיתי, ער האָט אַליין געזען, אַ וואָגן איז געפֿאָרן אָן פֿערד, האָט מען זיך אַזוי צע־לאַכט, אַזוי לאַנג חוזק געמאַכט, אַזוי לאַנג זיך געוויצלט און אַזוי לאַנג מיט ווערטלעך געשטאָכן, ביז דער ייִד, ר' רפֿאל, האָט גע־מוזט „מודה" זײַן, ער האָט אויסגעטראַכט... אָבער אַן התחלה איז שוין געווען! אַ זאָמען פֿאַר נײַע צײַטן — שוין געוואָרפֿן!

און אַפֿילו אַ פּשוטער ייִד, דאַכט זיך, נישט זייער קיין ניכ־טערנער, פֿאַלט אַמאָל אײַן און ער קומט פּלוצלינג אין חדר אַרײַן, ווו זײַן אײנציק יצחקל לערנט, און זאָגט:

— רבי! (אַ גרויס־פּוילישער, מיט דער ריש) נײַע צײַטן; מען דאַרף זײַן געבילדעט!

ערגעץ אַנדערש פֿילדערט, רוישט. חסידים שמײַסן די משכי־לים, — משכּילים שרײַבן שירים און וועגן די פֿיר צײַטן פֿון יאָר, און — דאַנק־ און לויב־געזאַנגען צו דער ממשלה, פֿאַר איר חסד צו כּנסת ישראל און מסירהלעך אויף די שוואַרצע און אַ מלחמה מיט תּקיפֿים און קהל, אַ מלחמה מיט רבנים, אַ מלחמה מיט חסידים, מיט רביים...

בײַ אונז — פֿון דעם אַלעם קיין צייכן.

קיין רביים לאָזט מען אין זאַמאָשץ נישט אַרײַן. מען וויל נישט קיין מחלוקת; הערט זיך עמעץ פֿאַרט, לויפֿט מען צום נאַטשעלניק, שטעלט ער וואַכן בײַ אַלע בראָמען.

באַווײַזט זיך די בויד: קודי? נאַזאַד!

חסידים זענען ווייניק אין דער צאָל און האָבן גאָר קיין דעה

נישט. אַ יונגערמאַן, נאַטירלעך פון דער פרעמד, קריגט בענקשאַפט, כאַפּט זיך אַרויס, לויפט צו אַ רבין. — מען שיקט נאָך רייטער, מען כאַפּט אים, מען מאַכט אים אַ פּעקל. מען פירט אים אַזוי איבער דער גאַס, אינדערהיים — מקיים פּסק, דערנאָך צום רב. — —

ר׳ משה וואל — איז רב אין זאַמאָשץ. אַ שונא בצע, זיצט ער שוין אויף דער שטול אַ יובל, און לאָזט זיך נישט געבן קיין הוספה. „מאַכט מיר נישט קיין רייכן האַלז!״ דין־תורה געלט צעטיילט ער צווישן די באַזיצער — דיינים אָדער בוררים. נעמט נישט אין מויל אַריין, וואָס זיין רביצין קאָכט נישט. אויף אַ סעודת־מצוה זיפּט ער אַ ביסל, אַ ברכה צו מאַכן; עסט אַ טרוקענעם כזית, צוליב וואַשן און בענטשן.

און — אַ קליין זים יידעלע, אַ ווייס־זילבערן בערדעלע. אויגן — ווירקלעך „טויבן־צוגלייך״! קינדער — דאָס גאַנצע לעבן! אין גאַס, אין בית־המדרש, ער באַווייזט זיך נאָר, רינגלט אים די יונגע חברה אַרום, זעט מען אים אַרויס קוים עטוואָס העכער — אָן על־טערם צווישן הענדלעך. און האָבן האָט דאָס יידעלע אַ קינדיש־ציטעריק קולעכל — אַ פיין זילבערן גלעקעלע. און אַז ער דאַוונט, כל נדרי אין שול, קלינגט עס, צעגיסט זיך עס און מען הערט עס אין דער גרויסער טיפער שטילקייט, אין אַלע ווייטסטע ווינקעלעך, ווי אונטן, אַזוי אויבן אין דער ווייבערישער שול...

און פאַר דעם קליינעם, צעשמייכלטן יידעלע, ציטערט מען אימת המלכות פון גביר ביזן חסיד.

מען הייבט אָן צו נעמען צום מיליטער. מיין טאַטנס עצה, מען זאָל נישט גיין, „קיין וועלט זעצט מען נישט איין״, געפינט, נאַטירלעך, ביי קיינעם קיין אָפּקלאַנג נישט. עס גענענט די סובּרעווויזיע, עס בלייבט, אַז די, וואָס וועלן אַוועקגיין, דאַרפן באַקומען פון שטאָט שטיצונג. אויפן וועג און פאַר דער פאַמיליע אין דער היים. ר׳ משה וואל שטעלט אַ פּושקע ביי זיך אין דער צווייטער שטוב, און לאָזט אויסרופן, אַז דער יושר איז, אַז אַלע באַלעבאַטים זאָלן אַריינוואַרפן אין פּושקע מעשר פון זייערע רווחים... געוואָרפן ווערט, ווי געזאָגט, אין דער צווייטער שטוב, ביחידות, קיינער זעט נישט, אָבער מען האָט אַזוי מורא עובר צו זיין אויף זיין „גזרה״, אַזוי פיל פּחד פאַר אַ טעות אין חשבון.

גאָפּט מען!

און ווי עס פאָלגט דאָס ווייבער־פאָלק!

איר וואָלט געדאַרפט זען, ווי מען אַנטלויפט פון די פּעסלעך

און שעפּלעך-פיש אויף שבת, אויב דער פֿישער וויל טייערער מיט אַ גראָשן, און ר׳ משה וואָל, מורא האָבנדיק, אַז אָרעמע לייט וועלן צו קיין פיש נישט קומען, קיין רעכטן שבת נישט האָבן, שיקט אַרויס דעם שמש: קיינער זאָל נישט קויפן!

וויי פון אַ פייער אַנטלויפט מען!

און י. מ. דער גביר אַליין!

ר׳ משה וואָל לעבט מיט אים זייער גוט. „ישיעלע!“... און פונדעסטוועגן, אַז מען רופט „ישיעלען“ צו אַ דין תורה און ער שיקט נאָך אים דעם שמש, און יענער האָט געסט: דעם פלאַץ-מאַיאָר, דעם סמאָטריטעל און נאָך... און לאָזט זאָגן... ער האָט ציינד קיין צייט נישט. לאָזט ר׳ משה וואָל אים אָפּענטפערן: און ווער עס האָט פאַר גאָט קיין צייט נישט, קען גאָט, חס ושלום, אַמאָל פאַר יענעם קיין צייט נישט האָבן...

לויפט מען שוין!

— — — — — — — — — — — — —

ווי געזאָגט, די בת-מלכה השכלה וועט ביי אונז קיין שטאָך אַרבעט נישט האָבן. עס וועט זיין אַ ראָמאַנטישע זאַך. יינגלעך וועלן אַרומגיין אין מאַרק און דעקלאַמירן ביים שיין פון דער לבנה...

— — — — — — — — — — — — —

דאָ מוז איך אָבער איבערהאַקן אויף אַ ווײַלע און מאַכן אַ קליינעם שפּרונג אין דער צייט — צוריק. און דערנאָך אַ גרויסן שפּרייז פאָרווערטס.

און אַ שפּרונג צוריק מוז איך געבן, ווייל איך האָב אויפן וועג, אין איילעניש, אַ מלמד פאַרלוירן. און דווקא אַ ייד אַ הויכן, וואָס דאַרף זיין שווער צו פאַרלירן. און מיט אַן (ביי אונז וויניקסטנס) אומגעוויינלעכע פרנסה, וואָס האָט געדאַרפט בלייבן אין זכרון — אַ טאַבאַק-שטויסער געווען! פריער האָט עס געטון די רביצין, איז זי קראַנק געוואָרן און קרענקט שוין אַ צייט, — ליגט זי און קרעכצט. ער שטויסט טאַבעק און הערט, ווי מיר לערנען ביים טיש. איז ער אַ למדן אַ גרויסער. איך האָב אָבער מורא, ער זאָל נישט צוקומען, נישט לעגן די פינגער אויף דער גמרא. דער ייד איז פול טאַבעק, קומט ער צו, הייב איך אָן צו ניסן. און האָט זעקס פינגער אין יעדער האַנט, האָב איך מורא פאַר זיין האַנט!

באַפרייט פון טאַבעק און זעקס פינגער, מעג איך שוין געבן דעם שפּרונג פאָרויס, און אויך אַ גאָר שפּעטערע מעשה פאַרציילן.

די מעשה, וואָס קומט מיר אויפן זינען, ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט וועגן השכלה...

דער טאַטע האָט מיך אַמאָל פּלוצלינג (איך ווייס נישט אויב צופעליק) מיטגענומען אין וואַלד אַריין, ווו ער האָט ביימער גע־האַקט, נישט ווייט פון אוסטילע.

ער רעדט מיר איין: (צו וואָס? איך וויל דען נישט פאָרן?) „וועסט זען אַ וואַלד, וועסט וועלן און טויגן צום געשעפט, וועסטו בלייבן!" — צום געשעפט האָב איך, זעט אויס, נישט געטויגט. אָבער געמאַכט די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט וואַלד און מיטן טייך בוג.

אָנפאַנגס — אַ לאַנגווייליקער וועג. בערגלעך און טאָלן... פון ביידע זייטן וועג — פלאַכע, אָפגעשניטענע פעלדער. דאָס שוואַרץ־שטעכעדיקע שטרוי אויפן פעלד דערמאָנט מיך אָן יונהציעס און דיעדעס שלעכט געגאָלטער „מאָרדע"...

פּאַמעלעך הייבט אָבער אָן אָנצוקומען, און אַלץ נעענטער און נעענטער אַ גערויש, וואָס שטאַרקט זיך, כאַפּט אַרום... מיין איך און פרעג איבער:

— אַ וואַסער?

— ניין — זאָגט דער טאַטע — דער וואַלד, וואָס קומט אונז אַקעגן... (זיין אויסדרוק).

איך שטוין:

— ווי אַזוי רוישט עס אַ וואַלד?

— מיט די צווייגן, מיט די בלעטער, וואָס דער ווינט באַוועגט.

— אַהאַ!

און באַלד קומט אָן דער וואַלד. מיר פאָרן אַריין, איך בלייב פאַרכישופט; אַזוינע גבורים, אַזוינע ריזן! איך פאַל ביי מיר אָפּ...

— ווי אַלט איז אַזאַ בוים?

דער טאַטע אַליין ווייסט נישט:

— זייער אַלט...

— וואָס פאַר אַ ביימער זענען עס?

— סאָסנעס... פון אַזוינע הויכע סאָסנעס מאַכט מען מאַשטן (זעגל־ביימער) צו שיפן... דאָס גייט אַוועק ווייט, ווייט...

—ווי אַזוי?

— שווימט איבער וואַסער. פון בוג, וואָס וועסט זען, צו דער ווייסל, פון דער ווייסל צום ים אין דאַנציג, פון דאָרט — אויף אַנ־דערע ימים...

— דאָס שטיק וואַלד אָבער איז נאָך נישט פאַרקויפט... איך האַק ווייטער אַ ביסל דעמבעס...

און אַז איך קום צו די דעמבעס און דערזע, ווי אַ קליינער פויער כאַפּט אַ האַק און גיט אַ זעץ אַריין אין אַ דעמב, רייסט זיך מיר עפּעס אָפּ אין האַרץ. געקומען אויפן אָרט, לויף איך צעשראָקן און צערודערט, און מיט אַ געוויין אין האַרץ אין „שרייבערס" שטיבל



„אהל פרץ"

די מצבה וואָס שטייט אויפן בית־עולם אין וואַרשע.
אונטער דעם שטיין ליגן י. ל. פּרץ, יעקב דינעזאָן און ש. אַנסקי.

אַריין, וואַרף מיך אויף זיין בעט און גראָב איין דאָס פלאַמענדיקע

פנים אין קישן און ציטער, ביז דאָס מידקייט איז גובר, און שלאָף איין, און שלאָף ביז צומאָרגנס... צומאָרגנס, איך כאַפּ מיך אויף:

— ווו איז דער טאַטע?

דער שרייבער שמייכלט עפּעס אונטער די וואָנסן:

— אַריינגעפאָרן קיין אוסטילע... פאַרנאַכט צוריקקומען. ווילסט אפשר אין וואַלד אַריין?

איך שאָקל מיך אָפּ:

אַז דער ווינט יאָגט אָן פון וואַלד אַ זעץ פון אַ האַק אָן אַ בוים, ציטער איך.

פאַרנאַכט קומט דער טאַטע צוריק.

— — — — — — — — — — — — —

קיין טראַגעדיע איז עס נישט געווען. נישט קיין שטאָלערנע שטאָבע האָט זיך איבערגעבראָכן. — אַ בינטל לבנה־שטראַלן. צום וואַלד האָב איך מיך צוגעוווינט. שפּעטער צום בוג צוגעפאָרן. פון בוג אין דער ווייסל, וואָס איך האָב שפּעטער געזען ביי ראַכיוו איז געוואָרן „דער דבוק"...

דאָ מוז איך נאָך מאַכן אַ פּאָסט־סקריפּטום וועגן אַ פּאַל מיט ר'משה וואָל, וואָס איך האָב פּערזענלעך געהאַט.

אַ גאַנץ גייענדיק יאָר דאַוונט ר'משה וואָל ביי זיך אין מנין, אין בית־דין־שטוב. אין שול אַריין קומט ער נאָר צו „כל נדרי" און יעדן ערב־ראש־חודש — צו יום־כפּור־קטן.

איינמאָל, אַפּנים צו פרי געקומען, די שול נאָך פאַרמאַכט. דאָס שול און בית־המדרש־הויז — ווי באַשריבן „אין פּאָליש אויף דער קייט." גייט ער אויף אַ ווײַלע אַרויף אין בית־המדרש אַריין, שטעלט זיך אַריינקוקן אין אַ ספר, ביי דער לינקער מזרח־וואַנט אין אָרון־קודש־ווינקל. שטענדיק שטייט דאָ אונזער תם, דער אַזוי־גערופע־נער „יהושע בהמה", וואָס גליסט און האָפט אַלץ צו אַ כתב־הרבנות, און מיר, חברה, שיקט אים פון צייט צו צייט אונטער — געפּעל־שטע, און ער, ווי שוין דערמאָנט, לויפט צום ווייב פרעגן, צי ער זאָל פאָרן, צי עס לוינט?.. טראָגט ער אויך אַזאַ ספּאָדיקל און אָן אַטלעסן קאַפּאָטקעלע... קום איך אַריין, אַהאַ — דער תם! שלייך מיר צו אויף די נעגל — מעסט אים אוים פון הינטן אַ מתנת־ייד, נישט ווייַ צו טון, צום שפּאַס, — דרייט זיך אום ר'משה וואָל, און איך בלייב פאַרשטיינערט.

און ער ווענדט זיך אום צעשמייכלט:

—וועמען האָסט עס געמיינט, קונדעס?

שפריצן מיר שוין טרערן פון די אויגן.

— האָסט חרטה?

אַ שאלה! רעדן אָבער קען איך נישט; דאָס לשון אָפּגענומען.

— ווילסט, איך זאָל דיר מוחל זיין? ווילסט אַ תשובה?

נאָך אַלץ אָן לשון, שאָקל איך קוים צו מיטן קאָפּ.

— זאָג זשע מיר צו, אַז דו וועסט שוין קיינמאָל אויף קיינעם קיין האַנט נישט אויפהייבן...

איך וויל געבן די האַנט.

— — — — — — — — — — — —

און וואַרט האָב איך געהאַלטן... און אויסער איינמאָל, איין־איינציק מאָל, ווען באַהערשן זיך וואָלט שוין געווען איבערמענטשלעך, האָב איך נאָך ביז היינט אויף קיינעם קיין האַנט נישט אויפגעהויבן, נישט אָפּצוגעבן און אפילו נישט זיך צו פאַרטיידיקן.

— — — — — — — — — — — —

אָבער אַט, מיין וועלטל ווערט אַביסל רייכער... עס ציט זיך פון שטאָט אַרויס, און אַנטקעגן דעם אינזשענערנעם גאָרטן, פון וועלכן עס פלעגן קומען אין שטאָט אַריין די ווייסגעקליידטע דאַמען מיט די קוויטן און שפּאַצירן אין שלאָס...

אַ מעשה מיט דעם גאָרטן:

שוין יאָרן, אַז די פעסטונג איז אויס פעסטונג. די שרעק איז פאַרשוווּנדן מיט די וואַלן... די אַרמאַטן מיט דער פאַרזאַט קוילן זענען אַראָפּגענומען. דאָס וואַסער צווישן די פּאַסן — אויסגעטריקנט, די פרעש — אַוועק צום זומפּ אויף דער לאַנקע ביי דער „אוציעצקאַ". דער גאַרניזאָן איז אַוועק; אולאַנען אין קאַזאַרמע, קאָזאַקן! דער פּלאַץ־מאַיאָר מיט די בעזימדיקע וואָנסן האָט זיך שוין אָפּגעזעגנט מיט דער שטאָט, געטרונקען לחיים, אַ מתנה גענומען און ערגעץ אַוועק. פון די בריקן הינטער די דריי בראָמען — קיין זכר. די אָפּגרונטן פאַרשיט, גלייכע, ברייטע אַרויסגאַנגען און אַרויספאָרן צום שאָסיי, און דער „סמאָטריטעל", ווי דערמאָנט, איז געבליבן, ער זאָל נישט לאָזן יידישע קינדערלעך זיך באָדן, און די אינזשענערן ,וואָס ווינען אין גאָרטן אונטער דער שטאָט, האָט מען פאַרגעסן... נאָך נישט געענדיקט, זאָגט מען, די חשבונות פון איינלייגן און צערייסן דאָס פעסטונג, און דער „אינזשינערנע גאָרטן", וווּ זיי ווינען אין דעם גרויסן ווייסן הויז, וואָס בלאַנקט דורך פון צווישן די ביימער, איז נאָך אַ „גויש פאַרשלאָסענער גן־עדן"...

שפּאַצירט מען אַמאָל איבער שאָסיי, לאָזט מען זיך, ביים אינ־זשענערן גאָרטן, אַראָפּ אין ראָוו אַריין און מען קוקט אין גאָרטן אַריין מיט גרוים ·גליסטונג... מען שטעקט די קעפּ, מיט די ברע־נענדיקע אויגן, צווישן די שטאַכעטן אַריין וואָס טיפער. — זעט מען ביימער און ביימער, און אַלעען... און דאָס ווייסע הויז, וואָס בלאַנקט פון די גרינע ביימער אַרוים... און דאָס דורכפלאַטערן פון ווייסע קליידער, וואָס די דאַמען, וואָס קומען אַמאָל אין שטאָט אַריין, אין שלאָס אַריין, און שפּאַצירן, באַלייגט מיט קוויטן... אין אַ זייטיקער אַלעע וויגט זיך אַמאָל אַ קליין־גויש, מיידליש־מלאכל אויף אַ „הוידאָ“... דאָס געלעכטערל קלינגט. די גאָלדענע לאָקן — צעפלויגן אין דער לופט, — דער פאָטער, דער גענעראַל, וויגט זי מיט די „אייגענע“ הענט... אין אונטן פון גלאָ־טעג וויגן זיך, הענגענדיק צווישן די גרינע בלעטער אויף די צווייגן איבער דער לענג פון דער מיטעלער אַלעע פאַרן הויז, בליצענדיקע פאַרשידן־פאַרביקע פאַפּירענע לאַמטערנדלעך... אונטן, איבער דער אַלעע, לייגן זיך שמאָלע, געמישטע פאַסן פון רעגענבויגן־ליכט. די פאָל־קאָוואָי מוזיק קומט און שפּילט פאַרן הויז... אינעווייניק אין הויז ווערט געטאַנצט... וואָס אַ רגע קומען אָן נייע מיליטערישע געסט פון „שלאָס“... געטאַנצט ווערט און געטרונקען... הילעכט אויף וואָס־אַמאָל אַ „לחיים“ און ווערט באַלד פאַרטרונקען אין אַ נאָך הי־לעכדיקערן טוש פון דער בלעכענער מוזיק...

מאַנכמאָל, אין שטילע אָוונטן, הערט מען פון הויז אַרוים פּיאַ־נאָ־שפּיל... מיכל, אונזער קאַפּעלמייסטער פון די קלעזמער, מיין שפּעטערדיקער יואל פון „וואָס אין פידעלע שטעקט“, שטאָלפּערט שוין (זעלטן גאָר אינגאַנצן ניכטער...) איבערן ראָוו מיט דורשטיקע אויגן און פאַנגט מיט געשפּיצטע אויערן די מוזיק... פון דער מוזיק, זאָגט מען, מאַכט ער מאָראַלישע שטייגערס צום באַדעקנס, מאַרשן צו חופּות און פריילעכצער צו דער „וויעטשערע“... מוזיקאַלישע יינגלעך, משררימלעך און גלאַט חברה — מיט די קעפּלעך צווישן די שטאַכעטן, שטייען פאַרגאַפּט... באַמערקט מען און מען הויבט אָן פון אינעווייניק צו יאָגן (יידישע קינדער זאָלן נחת האָבן?), די הינטישע כרובים פון דער פורטקע ווערן אָפּגעלאָזט פון דער קייט — רייסט מען, צום אַנטלויפן, די קעפּלעך פון צווישן די שטאַכעטן אַרוים, איבערלאָזנדיק שטיקער הויט... און פּלוצלינג — דערמאָנט זיך און אָפּגערופן די אינזשענערן... דער גן־עדן אָפּן, ער פאַרבריי־טערט מיין קינדישע וועלט. שפּעטער וועל איך צו אים צונעמען

אַ שטיק זאַקסישן גאָרטן פון וואַרשע און די רבישע גערטלעך פון סטריקאָוו און ביאַלע און מאַכן אַ רעזידענץ פאַר אַ יידישן גביר אין צפת... דעמאָלט קום איך אָבער אין גאָרטן מיט האַרץ־קלאַפּן, ווי אין „פרדס“ אַריין... — — —

אינטערעסאַנט וועלן זיין מיינע באַקאַנטשאַפטס־מאָמענטן מיטן טויט...

שוין לאַנג, נאָך גאָר קינדווייז האָב איך מיך שיער נישט מיטן מלאך־המות געטראָפן פנים אל פנים... איינמאָל, איך גיי צו דער באָבען אין געוועלבל אַריין נאָך וואָכן־געלט (זעקס גראָשן אַ וואָך!) איך קום אין געוועלבל אַריין, ווערט מיר עפּעס שוואַך אַרום האַרץ, עס פאַרדרייט זיך דער קאָפּ, איך שפּאַר מיך אָן אָן וואַנט און קען זיך נישט דערהאַלטן. איך פאַל און פיל, אַז איך פאַל עפּעס אין אַ טיפן, טיפן אָפּגרונט אַריין...

אויפגעכאַפּט האָב איך מיך אין דער באָבעס גרויסער שטוב, אין אַ גרויס בעט, פאַרטאָג... איך האָב אַ שטילן, פרום־האַרציקן לערן־ניגון דערהערט. איך עפן פּאַמעלעך די אויגן אויף — ווייט פון בעט, אין ווינקל פון שטוב, ביי אַ ליכט, פאַר מיר מיט אַ ספר פאַר־שטעלט, זיצט מיין פעטער שמואל לייבוש און לערנט... איך הער נאָר דעם ניגון, קיין ווערטער — נישט. כדי בעסער צו הערן, וויל איך מיר צורוקן צום ראַנד פון בעט — דאָס לייב פאָלגט נישט, די ביינדלעך ברעכן; איך דערשרעק מיך, איך מוז זיין קראַנק. פרעגן וויל איך נישט, איך וויל נישט מפסיק זיין... און בין איך קראַנק, לערנט מיין פעטער שמואל־לייבוש דעריבער אַזוי האַרציק, איך זאָל אין דעם זכות גיך און באַלד געזונט ווערן. בלייב איך ליגן אומבאַוועגלעך. דער קאָפּ איז מיר שווער, ריר איך מיט אַ האַנט און טאַפּ אָן אַ גאַנצע טוך, מיט וועלכן דער קאָפּ איז אַרומגעבונדן. איך דערשפּיר דורך די נאָז־לעכער אַ זויערקייט — דער טוך איז גענעצט אין עסיק... איך גיב אַ בליק צום פענצטער שטייען פלעש־לעך מיט מעדיצין... וואָס איז מיר? ווען בין איך קראַנק געוואָרן, און פאַרוואָס ליג איך דאָ?... איך מאַטער מיין שוואַכן קאָפּ און דערמאָן זיך אָן מיין גאַנג צו דער באָבען אין געוועלבל אַריין, מיין פאַלן אין געוועלבל... „איך מוז זיין אַ חולה מסוכן“... „דעריבער לערנט ער אַזוי“... אין מאַרק, צו וועלכן די פענצטער גייען אַרויס, פאָרט דורך אַ פור, עס ווערט אַ געבילערייִ פון הינט... און דערווייל ווערט מיר היים און היים. דאָס לייב באַדעקט זיך מיט שווייס און איך הייב אָן איינגאַנצן פלאַמען...

איך האָב מיך (דאַכט זיך, דעמזעלבן טאָג) נאָך אַמאָל אויפֿגעכאַפּט, און איידער איך עפֿן די אויגן, הער איך שטימען אַרום בעט:

— ער איז א ו נ ז ע ר ! — די באָבע.

— דאָס געלע פֿלעשעלע — די מומע יענטע...

— און איך זאָג — די באַנקעס! — די מומע טעמע... די מאַמע לייגט מיר נאָר די האַנט אויפֿן שטערן...

— פֿון יענער זייט, טאַקע פֿון יענער זייט! — הער איך נאָך אַן יאומבאַקאַנטע שטימע פֿון אַ ייד און הער זיינע טריט, ווי ער גייט אַרויס, און הער, ווי ער פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר...

„שיעור, שיעור"... טראַכט איך...

אָבער דעם אמתן טויט-שרעק האָב איך אַרויסבאַקומען פֿון ברונען...

— — — — — — — — — — — — —

אין מיטן פֿון אַ מאַרק-פּערטל שטייט אַ ברונען, אונטער אַ הילצערנעם דאַך אויף פֿיר שווערע זיילן... אַרום ברונען — אַ צעמברינע פֿון באַלקן ביז דער ברוסט פֿון אַ דערוואַקסענעם מענטש... וואַסער ציט מען מיט שעפֿן אויף אייזערנע קייטן, געוויקלט אַרום אַ וואַל, וואָס באַוועגט זיך דורך אַן „אומגעהויער גרויס ראָד מיט שפּיצן...

דאַכט זיך, אַן איינפֿאַך ענין פֿון אַ שטאָט-ברונען? איז אָבער דער ברונען „זייער, זייער" טיף, און אַז מען שפּאַרט זיך אָן מיט דער ברוסט אָן זוים פֿון צעמברינע (יינגלעך מוזן זיך דערצו אויפֿהייבן אויף די שפּיץ נעגל) און מען קוקט אַריין, גלאַנצט עפּעס אַ רעדל פֿון ליכטיקייט איבער שוואַרצלעכן וואַסער. — עפּעס אַ „וואַסער-שמייכל", וואָלט איך היינט געזאָגט. און אַז מען קוקט לענגער אַראָפּ, הייבט זיך אָן צו דרייען דער קאָפּ און עס כאַפּט אָן אַ וווּנדערלעך גליסטונג אַראָפּ, צום וואַסער-שמייכל, וואָס ציט אַראָפּ, ווי אַ מאַגנעט; מען מוז זיך גוט איינהאַלטן, נישט אַראָפּצושפּרינגען... אַזאַ כישוף שטעקט אין דעם שוואַרצלעכן ברונען-וואַסער, מיטן ציטעריקן שמייכל פֿון אויבן...

איז נאָך ווייניק, דערציילן זיך יינגלעך מיט מיידלעך, אַז אויבעם איז נאָר אַ פֿינסטערע נאַכט און אַלע ליכט אַרום אין די פֿענצטער לעשן זיך אויס, די שטאָט איז איינגעשלאָפֿן, — זאַמלען זיך קעץ, ווייסע און שוואַרצע קעץ, ביים ברונען, קומען און זעצן זיך אויף די שפּיצן פֿון גרויסן ראָד, געמישט: אַ שוואַרצע קאַץ, אַ ווייסע קאַץ און הייבן אָן יאָמערן.. און יאָמערנדיק רירן זיי זיך אַלע אויף

איין זייט און רירן דאָס ראָד, און דאָס הייבט זיך אָן דרייען. און די שעפּן גייען אַרויף, אַראָפּ... וואָס אַמאָל געשווינדער... און דער נאַכט־היטער, וואָס גייט אַרום אין מאַרק (אַן אַלטער גוי, מען זאָגט, אַ ניינציקער), הערט, ווי די קעץ יאָמערן, ווי דאָס ראָד סקריפּעט, ווי די שעפּ, וואָס קומט אַראָפּ, שלאָגט זיך אָן אין וואַסער, און דאָס וואַסער שפּריצט איר אַקעגן מיט אַ געלעכטערל, און די שעפּ, וואָס קומט אַרויף, קערט זיך אַליין איבער — פּליוסק. פּליוסק דאָס וואַסער אין ברונעם אַריין... און ער ציטערט און צלמט זיך, ציטערט און צלמט זיך... און אַלטע ווייבער זאָגן: די קעץ זענען קיין קעץ נישט, נאָר נשמות פאַרוואָגלטע, וואָס זוכן תיקון ביים וואַסער.

ווי עס זאָל נישט זיין, נישט קיין פּראָסטער ברונען...

און אין אַ געוויסן פּריטיק, לויפנדיק איבערן מאַרק, זע איך, ווי מען לעגט איין די צעמברינע (מיט דער צייט פויל געוואָרן), ווי מען פאַרלעגט דעם צוגאַנג מיט ברעטער, איך הער מיט די אייגענע אויערן, ווי מענטשן, וואָס שטייען ביי דער אַרבעט — צייט פעלט נישט — זאָגן: „צו דער נייער צעמברינע וועט מען זיך ערשט שטעלן מאָנטיק"... און פאַרגעס אָן דעם אַלעם, און כאַפּ פּרייטיק צו נאַכטס נאָך דער וויעטשערע די קיפּערנע קוואָרט, לויף צום ברונעם נאָך פריש וואַסער, — אַ הייסער זומער־אָוונט — און לויף גלייך צו, וויל זיך אין איינוועגס אָנשפּאַרן אָן ראַנד פון צעמברינע, צי מען זעט ביינאַכט דאָס וואַסער־שמייכל, און —

און אַן אַלטע יידענע גיט מיך אַ כאַפּ אָן, אַ שלעפּ צוריק... „ריידל די האַלאַדריגעכע" האָט מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. —

ביינאַכט בין איך איבערגעענטפערט דעם טויט און זיינע שרעקן: ווערנד אַ לאַנגע, לאַנגע צייט פאַל איך נאַכט אויף נאַכט אין טיפן ברונעם אַריין... דער קאָנטראַסט צו דער ליבע צום לעבן ביי טאָג... עס קומט דערצו, אַז נישט נאָר דערווירקלעכער טויט שרעקט, נאָר אויך זיין ברודער, דער צייטווייליקער טויט — דער שלאָף. איך ליג גאַנצע נעכט און האַלט איבערגעוואַלד די אויגן אָפן, נישט אַריינצופאַלן אין יענעם אָפּגרונט, ווי ביי דער באָבען אין געוועלב, נישט צו פאַרזינקען אינם פאַרגעסעניש; נישט אָפּצורייסן זיך פון לעבן...

און וואָס שווערער, בלייערנער עס ווערן מיר די ברעמען, אַלץ געוואַלדיקער וואַקסט די שרעק. און איך שפּרינג צום פענסטער צו, ריים עס אויף צום מאַרק אָדער לויף אַראָפּ אין מאַרק אַריין... אָבער

אויך דער מאַרק שלאָפט, איינגעהילט אין נאַכטיקער בלאָליכקייט...
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

*

און עס פאַלט צו די נאַכט... איך גיי אַרום אויפן שאָסיי, גיי עטוואָס ווייטער אָפּ פון שטאָט און דערזע (גלייך צום ערשטן מאָל!) — ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ אונטערן גאָרטן — די פורפור פלאַם פון צווישן די צווייגן... און קעגן איבער שיינט אויף אַ בלאַס־געצייכנטע לבנה; קומט העכער, העכער, ווערט בולטער...

איך שטיי אָנגעשפּאַרט אין עפּעס אַ צוים און קוק, און וווּנדער מיך, פאַרוואָס זע איך עס אַזוי צום ערשטן מאָל... יעדן טאָג גייט דאָך אונטער די זון, יעדן אָוונט גייט אויף די לבנה?...

און זי ציט זיך אַרויף, אַרויף...

רירט מיך פּלוצלונג עמעץ ביים אַקסל אָן...

מיכל פידלער — ביים פּלויט פון זיין התבודדות־הייזל בין איך געשטאַנען. ער איז צו איר אַרויסגעקומען, אַ שטילער, שטיל שלייכנדיקער, מיט טרויעריקע וואַסער־אויגן, אין איין האַנט — אַ ספרל, אין צווייטער — אַ לאַמטערל...

— „מען זאָגט דו ביסט אַן עילוי, קענסט דאָ אַ פּשט?“

און ער ווייזט מיר אַן אָרט אין אַ קבלה־ספרל (דעם נאָמען — פאַרגעסן), עס רעדט זיך וועגן גלגול... איך לעז דורך, פאַרשטיי און פאַרטייטש...

— „ביסטו דאָך טאַקע אַן עילוי... נו וואַרט“. און ער פאַר־שווינדט צוריק אין הייזל אַריין...

עס הייבט זיך אין מיר אָן אויסצוּוויקלען אַ געדאַנק... דער גע־דאַנק דערוויקלט זיך אָבער נישט. ער קומט צוריק אַרויס מיטן לאַמטערל, נאָר אין דער אַנדערער האַנט, אויפן אָרט פון ספרל — אַ גרויסער, שווערער פאַראָסטער שליסל...

דער שליסל צו זיין פאַרמאַכטער ביבליאָטעק אין שטאָט...

— דו ביסט עס ווערט...

*

איך נעם און גיי מיט אים אָפּ שווייגנדיק. דער שליסל וועט עפענען — מיר אַ נייע ביכער־וועלט, אייך — אַ נייעם פּרק...

וויכטיקע דאַטעס אין פּרצעס לעבן

יצחק־לייבוש פּרץ איז געבוירן דעם 18־טן מאַי 1852, אין זאַמאָשטש. זיין פאָטער האָט געהייסן — יהודה, זיין מוטער רבקה. ער האָט זיך פון זיינע יונגסטע יאָרן אויסגעצייכנט אין לערנען.

שוין אין יאָר 1874 האָט פּרץ צונויפגעשטעלט אַ ביכל פון אייגענע פּוילישע לידער. אין יענער צייט האָט ער שוין געשריבן אויך לידער אין יידיש, וואָס זיינען באַקאַנט געווען צווישן דער יוגנט פון שטאָט און פון דער אַרומיקער געגנט.

דאָס ערשטע געדרוקטע ווערק פון י. ל. פּרץ, געשריבן אין העברעאיש, איז געווען פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1875, ווען פּרץ איז אַלט געווען 23 יאָר. דאָס איז געווען אַ משל א. נ. „השותפות", וואָס איז געווען געדרוקט אין העברעאישן זשורנאַל „השחר", אונטער פּרץ סמאָלענסקי'ס רעדאַקציע.

אין יאָר 1877 גיט י. ל. פּרץ אָפּ דעם עקזאַמען אַלס אַדוואָקאַט. ער פּראַקטיצירט אין זאַמאָשטש צען יאָר. אין יאָר 1887 ווערט אים צוליב אַ מסירה צוגענומען די רעכט צו פּראַקטיצירן. אין דעם זעלבן יאָר שרייבט ער אָן דעם ערשטן וואַריאַנט פון „מאָניש", וואָס ווערט אָפּגע־דרוקט צום ערשטן מאָל אין יאָר 1888.

אויפן 37 יאָר פון זיין לעבן פאָרט פּרץ אַריבער קיין וואַרשע, ווו ער אַנטוויקלט אַ שטאַרקע אַקטיוויטעט.

אין יאָר 1891 הויבט פּרץ אָן צו אַרבעטן אין דער וואַרשעווער גמינע אַלס באַאַמטער. אויף דעם פּאָסטן איז ער געווען 25 יאָר.

אין יאָר 1894, ווען פּרץ איז שוין באַקאַנט און באַליבט אין דער יידישער וועלט, הויבט ער אָן אַרויסצוגעבן די באַקאַנטע „יום־טוב־בלעטלעך", וואָס האָבן געהאַט ביים יידישן לייענער־עולם אַ גרויסן דער־פאָלג.

אין יענעם יאָר ווערן פאַרעפנטלעכט „מקובלים", „אין קעלער־שטוב", „באָנטשע שווייג", א. אַ.

די אַזוי שטאַרק פּאָפּולערע דערציילונגען „אויב נישט נאָך העכער", „צווישן צוויי בערג", „אַ גלגול פון אַ ניגון" זיינען צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין דער צייטונג „ייד" אין יאָר 1900.

דאָס מאָנומענטאַלע ווערק „די גאָלדענע קייט" איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1907. דער ערשטער וואַריאַנט פון דעם ווערק איז דערשינען אין אַ העברעאישן זשורנאַל אין יאָר 1903 א. נ. „חורבן בית צדיק".

אין יאָר 1908 איז פאָרגעקומען די „טשערנאָוויצער קאָנפערענץ". דאָס איז אַ וויכטיקע היסטאָרישע דאַטע אין יידישן לעבן. פּרץ איז דאָרט געווען פון די ערשטע וואָרט־זאָגער און באַגייסטערער.

1914 — דאָס יאָר פון דער מלחמה. פּרץ העלפט די היימלאָזע יידן. ער שאַפט פאַר די קינדער, צוזאַמען מיט זיין נאָענטסטן פריינד, יעקב דינעזאָן, די ערשטע קינדער־היימען. דעמאָלט שרייבט ער אויך אָן די ערשטע קינדער־לידער.

⁂

1915 — דעם 3־טן אַפּריל, שבת חול־המועד פּסח, האַלב ניין אינ־דערפרי איז י. ל. פּרץ געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק.

העברעאישע ווערטער

(ווי אַזוי דאַרף מען לייענען ?)

א

אהבת נפש	אהאוועס נעפעש	אמת	עמעס
אוודאי	אַוואַדע	אסיפות	אסיפעס
אורה	אוירעך	אפיקורס	אַפּיקוירעס
אות	אָס	אפנים	אַפּאָנעם
אימת המלכות	איימעס	אפשר	עפשער
	האמאַלכעס	ארון קודש	ארען=קוידעש
אכסניה	אכסאַניע	ארץ=ישראל	ערעץ=ייסראעל
אלמן	אַלמען	אתרוג	עסריג

ב

ב'אשר בכן	בעאשער בעכיין	בית המקדש	ביים האַמיקדעש
בבלא	באַוולאָ	בנוגע	בענויגייע
בהמה	בעהיימע	בסוד	בעסאָד
בורר	בוירער	בעל=חובות	באַלכויוועס
בוררות	בוירערעס	בעלי=חיים	באַלע כאַיעם
בזיון	בעזאָיען	בעל=חשבון	באַל=כעשבן
בחוש	בעכויש	בר=מצוה	באַר=מיצווע
בחור	באָכער	ברוך=השם	באָרעך=האַשעם
בטול תורה	ביטעל=טוירע	ברית	בריס
ביחידות	בעיעכידעס	בשעת	בעשאַס
בירושה	בעיערושע	בשיתפות	בעשוטפעס
בית המדרש	בעסמעדרעש	בת מלכה	באַסאַמאַלקע

ג

גבורים	גיבוירים	גמרא	געמאָרע
גדלות	גאַדלעס	גנב	גאַנעוו
גזרה	געזיירע	גנבעט	גאַנוועט

ד

דאגה	דייגע	דיין	דאַיען
דברים	דעוואָרים	דרדקי מלמד	דאַרדעקי
דוד(ל)	דאָווידל		מעלאַמעד
דווקא	דאַווקע	דרשה	דראָשע
דיני נפשות	דיניי נעפאָשעם	דריסת הרגל	דריסעם האַרעגל

ה

הבדלה	האַוודאָלע	הכּלל	האַקלאַל
הבלים	האַוואָלים	הקדש	העקדעש
הוספה	הויסאָפע	השגחה	האַשגאָכע
הושענות	הוישאַנעס	השכלה	האַסקאָלע
היות	העיוית		

ו

והילד איננו	וועהאַיעלעד איינעננו	ויקרא	וואַייקראָ

ז

זבכים	זעוואָכים	זמן	זמאַן
זוכה	זויכע	זמנים	זמאַנים
זכר	זייכער	זכרון	זיקאָרן
זכות	זכוס		

ח

חבר	כאַוועער	חטאים	כאטאָים
חברים	כאַווייירים	חיונה	כאַיונגע
חגא	כאָגע	חיות רעות	כאיעס ראָעס
חדר	כיידער	חנה(לע)	כאַנעלע
חדושי תורה	כידושיי טוירע	חם ושלים	כאס וועשאָלעס
חודש	כוידעש	חסידים	כאַסידים
חוזק	כויזעק	חסיד	כאָסיד
חוקר	כויקער	חפץ	כייפעץ
חזן	כאַזן	חפיצים	כפּייצים
חזירים	כאַזייירים	חקירה	בקירע
חורבה	כורווע	חרפה	כאַרפּע
חורבות	כורוועס	חשוב	כאָשעוו
חופה	כופּע	חשבון	כעשבן
חובת הלבבות	כויוואַס האַלוואָוועס	חשבונות	כעשבוינעס
חולה=מסוכן	כוילע מעסוקן	חתן	כאָסן
חומש	כומעש	חתנים	כאסאַנים
חטא	כעט	חתימה	כסימע

ט

טועה	טויע	טעות	טאָעס
טלית	טאַלעס		

י

יחזקאל	יעכעזקל	יציאת נשמה	יעציעס נעשאָמע
יומא דפגרא	יוימע דעפּאַגרע	יצר הרע	יעיצער=האָרע
יזכור	ייזקער	יקר המציאות	יקאַר האַמציעס
יום כיפור	יאָמקיפּער	יתום	יאָסעם
יללות	יעלאָלעס		

כ

כורעים	קויראים
כום	קאָס
כוסע	קויסע
כל־נדרי	קאָלנידרע
כלי	קיילע
כלב	קעלעוו
כלבים	קלאָווים
כל־ולך	קאָל וועלאָך
כמעט	קימאַט
כנסת ישראל	קענעסעס ייסראעל
כעס	קאַאַס
כפרה	קאַפּאָרע
כפרות	קאַפּאָרעס
כתב הרבנות	קסאַו האַראַבאָנעס

ל

להכעים	לעהאַכעס
לחיים	לעכאַיעם
למדן	לאַמדן
למשל	לעמאָשל
לקחנט	לאַקכענט
לשון	לאָשן
לשונות	לעשוינעס

מ

מבטיח	מאַווטיעך
מבין	מייוון
מגע ומשא	מאגע־מאַסע
מהלך	מעהאַלעך
מוח	מויעך
מוחל	מויכל
מורא	מוירע
מושל	מוישל
מושלים	מוישלים
מוצעי שבת	מאָצע שאַבעס
מזג־טוב	מעיזעג־טאָוו
מזרח	מיזראַך
מכבד	מעכאַבעד
מחיה	מעכאַיע
מחנה	מאַכנע
מחזיר	מאַכזיר
מחלוקת	מאַכלויקעס
מחילה	מעכילע
מיאוס	מיעס
מילא	מיילע
מייאש	מעיאַעש
מכבד	מעכאַבעד
מכל־טוב	מיקאָל־טאָוו
מכל המינים	מיקאָל המינים
מלאך	מאַלעך
מלאך המות	מאַלעך האַמאָוועס
מלאכים	מאַלאָכים
מלחמה	מילכאָמע
מלחמות	מילכאָמעס
ממשלה	מעמשאָלע
מסירות	מעסירעס
מנהג	מינהעג
מעבר לים	מעאייווער לעיאַם
מעלות טובות	מאַלעס טויוועס
מערב	מיירעװ
מערכה	מאַראָכע
מעשה	מייסע
מעשיות	מייסעס
מעשים	מייסים
מפסיק	מאַפסיק
מצבות	מאַצייוועס
מצואה	מעציע
מצוה	מיצווע
מקום קדיש	מאָקעם־קאָדעש
מקיים־פסק	מעקאַיעם־פּסאַק
מרדכי	מאָרדכע
מרחץ	מערכיץ
מרה שחורה	מאָרע שכוירע
משה	מוישע
משנה	מישנע
משוגעת	מעשוגאַס
משלח	מעשאַלייעך
מתמיד	מאסמיד
מתנה	מאַטאָנע
מתנת יד	מאַטנאס־יאַד
מתנגד	מיסנאַגעד
מתנגדיש	מיסנאַגדיש

נ

נדבה	נעדאָווע	נוהג	נויהעג
נדבות	נעדאָוועס		

ס

סוחר	סויכער	סעודת מיצוה	סודעס מיצווע
סוחרים	סאָכרים	ספר	סייפער
סימן	סימען	ספרים	ספאָרים
סליחות	סליכעס	ספרי תורות	סיפריי־טוירעס
סם	סם	ספירה	ספירע
סמען	סאַמען	סכנה	סאַקאָנע
סעודה	סודע		

ע

עברי	איווריע	עילוי	אילוע
עובר	אויווער	עלינו	אָליינו
עולות	אַוולעס	עם־הארץ	אַמאָרעץ
עולם	אוילעם	עסק	אייסעק
עולם הבא	אוילעם האַבע	עסקים	אַסאָקים
עיקר	איקער	ערב	ערעוו
עולמות העליונים	אוילעמעס האעליוינים	עשירות	אַשירעס

פּ פ

פּאה	פּייע	פּנימלעך	פּענימלעך
פּדיון	פּידיען	פּנחס	פּינכעס
פּה־על־פּה	פּע־על־פּע	פּסקנט	פּאַסקענט
פּוסק	פּויסעק	פּרדס	פּאַרדעס
פּחד	פּאַכעד	פּריץ	פּאָריץ
פּסק	פּסאַק	פּרשה	פּאַרשע
פּלוניתטע	פּלויניסטע	פּרוטה	פּרוטע
פּנים	פּאָנים	פּשטל	פּשעטל

צ

צדיק	צאַדיק	צלם	ציילעם
צדיקות	צעדייקעס	צנועה	צנוע
צדקה	צדאָקע		

ק

קול	קאָל	קבר ישראל	קייווער יסראָעל
קולות	קוילעס	קהל	קאָהעל
קרוע בלוע	קריע בליע	קצב	קאַצעוו
קרוב	קאָרעוו	קצבים	קאַצאָווים
קרבן	קאָרבן	קבלת שבת	קאַבאָלעס־שאַבעס

ר

ראש־חודש	ראָש־כוידעש	רווחים	רעוואָכים
ר׳	רעב	רחמים	ראַכמים
רב	ראָוו	רחמנות	ראַכמאָנוים
רבנים	ראַבאָנים	רפואה	רעפוע
רביים	ראַביאים	רציעה	רעציע
רבותי	ראַבויסיי	רשות	רשום
רביצין	רעביצין	רשע	ראָשע
רוח	רואַך		

ש

שבת	שאַבעס	שמחה	סימכע
שבתים	שאַבאָסים	שמחת־תורה	סימכעס טוירע
שגעונות	שיגוינוים	שמש	שאַמעס
שוחט	שויכעט	שמע־ישראל	שמאַ ייסראָעל
שוחטים	שאָכטים	שש	שייש
שחט־הויז	שעכט־הויז	(מיאית זהובים)	מייעס זעהוווים
שוכן עפר	שויכן אָפער		
שיכור	שיקער	שרפה	סרייפע
שכן	שאָכן	שתי וערב	שעסי וועאיירעוו
שכנות	שכיינעס		

ת

תורה	טוירע	תלמידים	טאַלמידים
תורה הקדושה	טוירע האַקדוישע	תם	טאַם
תיכף ומיד	טייכעף אומיאַד	תנ״ך	טאַנאַך
תכלית	טאַכלעס	תפילין	טפילין
תכריכים	טאַכריכים	תפום	טאָפעם
תכשיט	טאַכשיט	תפיסה	טפיסע
תליון	טאַליען	תקיפים	טאַקיפים